# דער
# פרשה קוואל

צוזאמען גענומען
פון די שמועסן פון

מורינו הגה"צ
**רבי אברהם אלימלך**
**בידרמן** שליט"א

**ויצא**

מכון
באר האמונה

יו"ל ע"י

**מכון 'באר האמונה'**

זיך איינצושרייבען צו באקומען די גיליון

וועכנטליך אויף אימייל און פאר הערות

אין הארות מעלדט אייך צו:


אימייל: Mail@derparshakval.com

טלפון: 1347-871-8285


**לשמיעת השיעורים בקול הלשון: 718-906-6444**


©

**כל הזכויות שמורות למו"ל**

# אינהאלט

## ויצא


והנה ה׳ נצב עליו - קיינמאָל נישט פאַרלירן די בטחון אפי׳ עס זעהט אוים טונקל ............................... א

ועיני לאה רכות - תפלה איז בכח צו שפאַלטן הימלען ............................................... ה

ויגל את האבן - זיך שטאַרקן איבערן יצר הרע וואָס וויל שטערן פון דאַווענען ........................ ט

ותקרא את שמו גד - קיינער האָט נישט קיין שאָדן מיטן טוהן חסד פאַר אַ צווייטן........................ יא

י״ב כסלו - הילולת הרה״ק בעל ״בת עין״ זי״ע...................................................יד

# ויצא

### והנה ה' נצב עליו - קיינמאָל נישט פאַרלירן די בטחון אפי' עס זעהט אויס טונקל

**ויצא** יעקב מבאר שבע וילך חרנה (כח, י). דער מדרש דערציילט (ב"ר פס"ח, ב) אַז ווען יעקב אבינו ע"ה איז געגאַנגען אויפ'ן באַפעל פון זיין טאַטן, יצחק אבינו ע"ה, קיין חרן כדי דאָרט חתונה צו האָבן, איז אליפז, דער זון פון עשו הרשע, געקומען און ער האָט געוואָלט הרג'ענען יעקב'ן, אָבער צום סוף האָט ער צוגענומען פון יעקב זיין גאַנצע פאַרמעגן[א], און ער האָט איהם געלאָזט לעבן. האָט יעקב דעמאָלטס געזאָגט דעם פסוק "שיר המעלות אשא עיני אל ההרים מאין יבא עזרי".

**זאָגט** דער מדרש ווייטער, דאָס וואָרט "הרים" באַדייט "הורים" - די עלטערן. יעקב האָט געזאָגט, ווען אליעזר איז געגאַנגען נעמען רבקה אַלס אַ ווייב פאַר יצחק, זאָגט דער פסוק (בראשית כד, י) "ויקח העבד עשרה גמלים מגמלי אדוניו וגו' וכל טוב אדוניו בידו". אליעזר האָט גענומען צען קעמלען אויף וועלכע ס'איז געווען אָנגעלאָדנט אַ גרויס פאַרמעגן, אָבער איך האָב אפילו נישט אין מיין באַזיץ "לא נזם אחד, ולא צמיד אחד" - נישט אַ האַלדז-באַנד, און נישט אַן אָרעם-באַנד.

**דאַן** האָט ער געזאָגט: "מה אני מוביד סברי מן בריי?", צו וועל איך דען פאַרלירן ח"ו דעם בטחון אין מיין באַשעפער?! "חס ושלום, לית אנא מוביד סברי מן בריי"[ב] ער האָט זיך אַליין "אָנגעשריגן": איך וועל נישט פאַרלירן מיין בטחון אין באַשעפער! "עזרי מעם ה', עושה שמים וארץ", מיין הילף וועט קומען פון דעם אויבערשטען, וואָס ער האָט באַשאַפן הימל און ערד.

**דאָס** קומט אונז צו לערנען אין אַלע דורות, מ'זאָל קיינמאָל נישט צולאָזן אַז די שוועריגקייטן וואָס מ'גייט אַריבער אין לעבן, זאָל קענען אַריינברענגען אַ

---

**א.** דער סטייפעלער גאון זצ"ל האָט געזאָגט, אַז אפילו דער שוואַכסטער איד ווערט נשפע פון אַ גוטע סביבה, אַז ער זאָל אויך ווערן גוט, ווי מיר זעהען פון די ווערטער פון רש"י ז"ל (כט, יא) אַז עשו האָט געשיקט זיין זון אליפז נאָכצולויפן יעקב אבינו ע"ה און איהם אומברענגען ח"ו. ווען אליפז האָט באַגעגנט יעקב, האָט יעקב זיך געבעטן ביי איהם ער זאָל איהם נישט הרג'ענען, און כדי ער זאָל קענען מקיים זיין וואָס זיין פאָטער, עשו הרשע, האָט איהם באַפוילן צו טוהן, האָט יעקב אָנגעבאָטן פאַר אליפז זיין גאַנצן פאַרמעגן, וואָס אויך דעמאָלטס וועט עס באַטראַכט ווערן ווי ער, יעקב, איז "טויט" ח"ו, ווי די חז"ל זאָגן (נדרים סד:) "עני חשוב כמת", דער אָרימאַן ווערט פאַררעכנט ווי איינער וואָס איז טויט רח"ל. אַזוי האָט אליפז טאַקע געטוהן. ער האָט צוגענומען יעקב'ס גאַנצע פאַרמעגן.

באמת, איז שווער צו פאַרשטיין אז אליפז האט פארשטאנען אַזאַ פשרה, ווייל למעשה, דער מענטש וואָס לעבט און אָטעמט איז דאָך נישט טויט, אפי' אויב ער איז אַן אָרימאַן. מוז מען זאָגן, אַז וויבאַלד אליפז האָט זיך געדרייט אין הויז ביי זיין זיידן, יצחק אבינו ע"ה, זענען אויך אַזעלכע "סברות" אַריינגעדרינגען אין זיין מח, און ער האָט אָנגענומען יעקב'ס ווערטער, און ער האָט איהם געשוינט זיין לעבן.

**ב.** ס'איז כדאי נאָך אַמאָל צו ברענגען דאָ די מעשה, וואָס איז פאָרגעקומען ביי הרה"ק בעל צמח צדיק זי"ע פון וויזשניץ. אַ שמוגלער פון סחורה דורך גרעניצן איז געכאַפּט געוואָרן דורך די ריגירונג וועכטער, וועלכע האָט באַשלאָסן איהם צו שטעלן צום משפט, וואו עס האָט איהם געדראָט טויט שטראָף רח"ל. איז דער איד געפאָרן קיין וויזשניץ צום הייליגן צמח צדיק זי"ע, זיך מזכיר צו זיין איידער ער דאַרף שטיין צום משפט.

איידער ער איז אַריינגעגאַנגען צום צמח צדיק, האָט ער באַגעגנט דעם רבינ'ס אייניקל, דער שפּעטער'דיגע וויזשניצער רבי הרה"ק בעל אהבת ישראל זי"ע, און זעהענדיג דעם איד'ס צובראָכן האַרץ, האָט דער אהבת ישראל איהם געשטאַרקט מיט חיזוק ווערטער, און איהם אויך געבעטן, אַז ווען ער וועט אַרויסקומען פונעם רבינ'ס צימער, זאָל ער איהם קומען זאָגן וואָס דער זיידע האָט איהם געזאָגט.

ווען דער איד איז אַרויסגעקומען, האָט ער איבערדערציילט פאַר'ן אהבת ישראל, אַז דער צמח צדיק האָט איהם מחזק געווען מיט די ווערטער פונעם אויבן-דערמאנטן מדרש אז ווען יעקב אבינו ע"ה איז געגאַנגען קיין חרן לויט'ן ציווי פון זיין פאָטער, יצחק אבינו ע"ה, וואָס האָט איהם אַהין געשיקט חתונה האָבן, איז אליפז, דער זון פון עשו

הרשע, געקומען און האט איהם אַלעס צוגענומען. האָט יעקב אבינו געזאָגט: "שיר למעלות אשא עיני אל ההרים מאין יבא עזרי", "לית אנא מוביד סברי מן בריי", איך וועל נישט פאַרלירן מיין בטחון אינעם באַשעפער ח"ו. עזרי מעם ה' וגו'.

דער איד האָט אויסגעפירט: מיט די דאָזיגע ווערטער האָט דער רבי (דער צמח צדיק) מיך מחזק געווען, אַז איך זאָל נישט פאַרלירן די שטאַרקע אמונה אינעם באַשעפער פון דער וועלט.

ווען דער אהבת ישראל האָט געהערט דעם איד'ס ווערטער, האָט ער איהם געזאָגט: קום וועל איך דיר געבן צו פאַרשטיין וואָס דער הייליגער זיידע האָט געמיינט. עס איז ידוע, אַז ווען דער שם הוי' איז כסדרו, ווייזט עס אויף מדת הרחמים, און ווען עס איז איבערגעקערט, ווייזט עס אויף מדת הדין ח"ו. ביי דעם ס"ם איז פאַרקערט. ווען זיין נאמען, סמא"ל, שטייט געשריבן לויט'ן סדר, ווייזט עס אויף מדת הדין ח"ו, אָבער אויב מען דרייט עס איבער צו לאמ"ס, ווייזט עס אויף מדת הרחמים. דאָס איז מרומז אין די ווערטער פון יעקב אבינו ע"ה, וואָס דער זיידע האָט דיר געזאָגט, ווייל ער האָט געוואָלט ממתיק זיין די דינים, דו זאָלסט זאָגן אַזוי ווי יעקב אבינו האָט געזאָגט, "לית אנא מוביד סברי מן בריי", וואָס די ראשי תיבות פון ל'ית א'נא מ'וביד ס'ברי איז פאַרקערט פון סמא"ל, אַזוי דרייט מען איבער די מדת הדין צו מדת הרחמים, און אין זכות פון דעם וואָס דו וועסט זיך מחזק זיין מיט בטחון, וועסטו אַרויסגיין מאפילה לאורה, און געהאָלפן ווערן מיט אַ גרויסע ישועה.

דער מדרש זאָגט (ב"ר פס"ח, י) אויפ'ן פסוק (כח, יא) "ויפגע במקום", אַז יעקב אבינו ע"ה האָט געוואָלט גיין ווייטער אויפן וועג, אָבער די גאַנצע וועלט איז געוואָרן פאַר איהם אַזוי ווי אַ וואַנט. די ווערטער "כי בא השמש", דרש'ענען די חכמים פון לשון "כיבה" (מיט אַ ה"א) - אויסגעלאָשן, ווייל דער אויבערשטער האָט געמאַכט אַז די זון זאָל אונטערגיין פריער ווי די געהעריגע צייט.

ברענגט דער מדרש אַ משל, אַ קעניג האָט געהאַט אַ גוטן פריינט וועלכער פלעגט באַזוכן ביים קעניג פון צייט צו צייט. האָט דער קעניג באַפוילן זיינע קנעכט אויסצולעשן די לעכט און די לעמפּ, ווייל ער וויל שמועסן מיט זיין גוטן פריינט באַהאַלטענערהייט. אַזוי האָט דער אויבערשטער געמאַכט אַז די זון זאָל אונטערגיין פאַר די צייט, כדי צו רעדן באַהאַלטענערהייט מיט יעקב.

קען מען זאָגן אַ כוונה אין די ווערטער פון מדרש, אַז יעקב האָט "געטאַפּט אַ וואַנט"... עס האָט אויסגעזעהן גלייך ווי דער אויבערשטער האָט חלילה "פאַרלאָשן" דעם שיין פון די זון, און פינצטער געמאַכט די גאַנצע וועלט אַרום איהם. ער האָט זיך אָבער געשטאַרקט מיט אמונה, אַז אדרבה, דאָ איז נישט פאַרהאַן קיין "פינצטערניש" און "באַהעלטעניש" ח"ו, נאָר לעכטיגקייט און דערנענטערונג צום באַשעפער, וועלכער וויל רעדן מיט איהם באַהאַלטענערהייט. דייקא אין אַזאַ צייט איז דער אויבערשטער משפיע אויפ'ן מענטש אַלע גוטע השפעות.

לויט דעם קען מען טייטשן בדרך רמז, די ווערטער פון די חז"ל (ברכות כו:) "יעקב תיקן תפלת ערבית". יעקב האָט מתקן געווען מ'זאָל דאַווענען די תפילה פון מעריב יעדע נאַכט. "ערבית" איז פון לשון "ערבוביא" - צעמישונג און צעטומלונג. דאָס איז אַ רמז, אַז אפי' אויב עס זעהט אויס ווי עס איז פינצטער אויף דער וועלט ח"ו, דאַרף מען מתפלל זיין צום באַשעפער און גלייבן אַז אַלעס איז צו באַלייכטן פאַר דעם מענטש, און ער זאָל נישט זאָגן אַז דער אויבערשטער גליסט נישט אין איהם און אין זיין תפלה, ווייל דייקא אין אַזאַ צייט רופט דער אויבערשטער צו איהם. דער אויבערשטער זאָגט צו יעדן איד, "איך וויל רעדן מיט מיין גוטן פריינט, באַהאַלטענערהייט". תפלה מיט אמונה איז אימשטאַנד אַרויסצונעמען דעם מענטש פון יעדן קלעם.

דער גור'ער רבי, הרה"ק בעל "בית ישראל" זי"ע, איז מסביר דאָס ענין וואָס דער אויבערשטער האָט זיך באַוויזן צו יעקב אבינו ע"ה, אַז דאָס איז ענדליך צו דעם וואָס מיר געפינען אַז יחזקאל האָט געזעהן זיינע געטליכע מראות, און "מעשה מרכבה", דווקא אין בבל, כדי צו שטאַרקן די אמונה אין אידישע הערצער, אַז דער באַשעפער האָט זיי נישט פאַרלאָזט אויך ווען זיי געפינען זיך אין גלות, ווי דער פסוק זאָגט (ישעיה מג, יד) "למענכם שלחתי בבלה", פאַר אייערטוועגן האָב איך אייך געשיקט קיין בבל, ווי עס ווערט ערקלערט באריכות אין זוהר הקדוש (ח"ב ב:).

צוליב דעם האָט דער אויבערשטער זיך באַוויזן צו יעקב דייקא ווען ער איז אַרויסגעגאַנגען קיין חרן, וואָס דעמאָלטס האָט זיך אָנגעהויבן זיין גלות ביי לבן, כדי איהם צו ווייזן אַז ער געפינט זיך מיט איהם אויך אין אַזאַ שווערע צייט, און ער וועט איהם קיינמאָל נישט פאַרלאָזן.

די גמרא זאָגט (סנהדרין ד:) אויפ'ן פסוק (דברים ו, ח) "והיו לטוטפות בין עיניך", אַז פון דעם וואָרט "טטפת" לערנט מען דעם דין אַז מ'דאַרף האָבן פיר פרשיות אין די תפילין, ווייל אין לאַנד "כתפי" ווערט דער נומער 2 גערופן

געפיל פון עצבות און יאוש ח"ו, נאָר מ'זאָל זיך האַלטן פעסט נישט צו פאַרלירן די אמונה און בטחון. און נאָר אַדאַנק די אמונה און בטחון, איז מען זוכה צו אַ ישועה פון הימל[ג].

---

"טט", און אין "אפריקי", ווערט 2 גערופן "פת". דאַרף מען פאַרשטיין, פאַרוואָס לערנען די חז"ל אַרויס דעם ענין פון לייגן פיר פרשיות אין די תפילין, דווקא פון ווערטער וואָס ווערן גערעדט אויף גוי"שע שפּראַכן, און וואָס פאַראַ שייכות האָט "כתפי" און "אפריקי" מיט תפילין?

ווערט געברענגט אין נאָמען פון הרה"ק בעל "שפת אמת" זי"ע, אַז דער גאַנצער ענין פון לייגן תפילין, איז כדי צו ווייזן אַז דער אויבערשטער איז דער איינציגער באַשעפער אויף דער וועלט. וועגן דעם כאַפּט אָן דער פסוק די דאָזיגע לשונות, כדי אונז צו לערנען אַז אפילו דער מענטש וואָס געפינט זיך אין "כתפי" און אין "אפריקי", האָט נאָך אויך אַ שייכות מיט'ן אויבערשטען. כדי צו האָבן אַ שייכות מיט'ן אויבערשטען, דאַרף מען זיך נישט געפינען דווקא אין הימל... אויך ווען דער מענטש איז אין "כתפי" און אין "אפריקי", אָדער "עס דאַכט זיך איהם אַז ער געפינט זיך דאָרט", איז דער אויבערשטער אויך דאָרט נאָענט און פאַרבונדן מיט איהם.

**ג.** אדרבה, מ'דאַרף וויסן אַז די לעכטיגקייט ווערט געמאָסטן לויט ווי נאָענט דער מענטש איז צום אויבערשטען.

אויך ווען ס'איז פינצטער ח"ו, איז מעגליך עס זאָל זיין "והנה ה' נצב עליו".

אַזוי זאָגט דער גאון מהרי"ץ דושינסקי זי"ע אב"ד ירושלים, אויפ'ן דערמאנטן פסוק אין דער היינטיגער סדרה (כח, יג) "והנה ה' ניצב עליו וגו' והנה מלאכי אלקים עולים ויורדים בו". דער אויבערשטער איז געשטאַנען העכער יעקב אבינו, און יעקב האָט געזעהן אַ לייטער ביז'ן הימל, און די מלאכים פון הימל זענען אַרויפגעגאַנגען אויפ'ן לייטער, און דערנאָך אַראָפּגעקומען מיט'ן לייטער. דאַרף מען פאַרשטיין, עס וואָלט ענדערש געפּאַסט צו זאָגן פאַרקערט, קודם "יורדים", און דערנאָך "עולים", ווייל צוערשט זענען די מלאכים אַראָפּגעקומען פון הימל צו דער ערד, און דערנאָך זענען זיי אַרויפגעגאַנגען דורכ'ן לייטער?

ענטפערט הגרי"ץ דושינסקי על דרך משל, אַ מענטש איז אָנגעקומען צו אַ חתונה, און ער האָט געזעהן ווי דער חתן און די מחותנים זיצן ביי אַ טיש אינמיטן זאַל. האָט ער זיך גענוואונדערט: אַ נאַכט פריער, בין איך געווען אויף אַ חתונה אין דעם זאַל, און איך האָב געזעהן ווי דער חתן און די מחותנים זיצן אויבנאָן, ביים מזרח-וואַנט. פאַרוואָס זיצן נישט אויך דער היינטיגער חתן און די מחותנים ביים מזרח? האָבן די אַרומיגע מענטשן געשמייכלט, און איהם געזאָגט: דו רעדסט נאַרישקייטן. די "מזרח-וואַנט" ווערט באַשטימט לויט דעם אָרט וואו עס זיצט דער חתן. דאָרט וואו עס זיצן דער חתן און די מחותנים, דאָרט איז די מזרח וואַנט. נישט פאַרקערט... ממילא, אויב דער חתן זיצן היינט דאָ אינמיטן זאַל, איז דאָ דער "אויבנאָן", און דאָס איז די חשיבות פונעם אָרט.

דער נמשל איז: יעדן טאָג ווערט דאָס גיין אין הימל באַצייכנט ווי אַן "אַרויפגיין", ווייל דאָרט געפינט זיך דאָס אָרט פון דעם באַשעפער, דער "יושב בשמים". ווען מ'גייט אַראָפּ פון דאָרט, איז עס אַ "ירידה". אָבער ווען דער אויבערשטער געפינט זיך אויף דער וועלט, ער שטייט נעבן יעקב אבינו ע"ה - "והנה ה' נצב עליו" - איז דער עיקר חשיבות דאָ, אויף דער וועלט, און דאָס אַראָפּקומען פון הימל צו דער ערד, ווערט גערופן "עולים", און דאָס צוריקגיין צום הימל, ווערט באַצייכנט אַלס "יורדים".

דאָס איז אָבער נאָר געזאָגט געוואָרן ווען דער מענטש ווייסט אַז דער אויבערשטער געפינט זיך מיט איהם, און דאָרט איז יעצט דער "הימל". ממילא, האָט ער נישט וואָס צו ווערן בעצבות, ווייל ער שטייט דאָך אויף אַ גוטן פלאַץ.

אַזוי טייטשן די ספרים די ווערטער וואָס מיר זאָגן (לויט איין נוסח) אין די ברכה פון "השכיבנו" ביי תפלת מעריב, "השכיבנו אבינו לשלום, והעמידנו מלכנו לחיים טובים ולשלום". איז שווער, פאַרוואָס זאָגט מען ביי "השכיבנו", דאָס וואָרט "אבינו" - אונזער פאָטער - און ביים אויפשטיין ("והעמידנו"), זאָגן מיר "מלכנו" - אונזער קעניג?

נאָר דאָס קומט מרמז צו זיין, "השכיבנו" - ווען מ'לייגט זיך שלאָפן, איז דאָך "טונקל" אינדרויסן. דאַרף דער מענטש וויסן, אַז אויך דעמאָלטס ווען ס'איז "פינצטער", איז דער אויבערשטער נאָענט צו איהם, ווי אַ טאַטע צו זיין קינד, אָבער ביים אויפשטיין אינדערפרי ("והעמידנו"), וואָס איז מרמז אַז די זון פון הצלחה שיינט אויף פאַר דעם מענטש, און ער איז זוכה צו זעהן אָפענע חסדים, ווי דער פסוק זאָגט (תהלים צב, ג) "להגיד בבוקר חסדך", איז דער אויבערשטער נאָענט צו איהם נאָר אויף אַן אופן פון "מלכנו", און נישט מיט אַ גאָר שטאַרקע נאָענטקייט, ווי אַ טאַטע צו זיין קינד.

**אויף** די ווערטער פון מדרש וואָס יעקב אבינו ע"ה האָט געזאָגט, "לית אנא מוביד סברי", איך פאַרליר נישט מיין בטחון אין דעם אויבערשטען, זאָגט הרה"ק רבי יאַנקעלע ראַדזימינער זי"ע ("דברי אביב", פ' ויצא), אַז לכאורה דאַרף מען פאַרשטיין, וואָס איז שייך צו זאָגן "פאַרלירן" בנוגע אמונה און בטחון?

**ענטפערט** דער ראַדזימינער, אמונה און בטחון זענען איינגעפלאַנצט טיף אין האַרצן ביי יעדן איד, נאָר ער דאַרף אויפדעקן די נקודה פון אמונה און בטחון, און עס אַרויסנעמען פונעם פּנימיות פון זיין האַרץ, און דער עיקר איז צו זעהן אַז ער זאָל נישט פאַרלירן די דאָזיגע נקודה פון אמונה, וואָס געפינט זיך טיף אין האַרצן.

**זאָגט** ער, ווען יעקב האָט געזעהן אַז מ'פּרובט איהם אויס פון הימל מיט אַ הסתר פּנים (ווען אליפז האָט צוגענומען פון איהם זיין גאַנצע פאַרמעגן), האָט ער אויסגעשריגן מיט אַ הויך קול: "לית אנא מוביד סברי מן בריי". ניין, איך פאַרליר נישט מיין בטחון אין באַשעפער. איך וועל נישט צולאָזן אַז די נסיונות זאָלן גורם זיין אַז איך זאָל פאַרלירן ח"ו מיין טייערסטן אוצר, די פּשוט'ע אמונה און בטחון אין דעם באַשעפער.

**אַזוי** דאַרפן מיר - קינדער פון יעקב אבינו - אַלעמאָל געדענקען ווען עס קומען אויף אונז נסיונות מיט א הסתר פנים ח"ו, סיי צו עס איז אַ הפסד ממון אדער עניני רפואה ל"ע און סיי אויב עס איז ח"ו צער גידול בנים אדער שידוכים - חיזקו ואימצו! - זיך שטאַרקן מיט אַלע כוחות נישט צו פאַרלירן דעם בטחון, און אין דעם זכות וועלן מיר זוכה זיין בקרוב צו זעהן די ישועה פון הימל וואס וועט אונז אַרויסנעמען פון יעדע צער און מצב[ד].

---

דער ש"ך על התורה (ויצא, ד"ה "והנה") ברענגט אין נאָמען פון מדרש (עי' ב"ר פס"ט, ג) אויף דעם פסוק "והנה ה' נצב עליו", אַ משל צו אַ קעניג וואָס האָט געזעהן ווי אַן אָרימאַן ליגט אויפ'ן פעלד, האט ער זיך אפגעשטעלט איהם צו באַשיצן און אָפּ-היטן פון שלעכטע חיות. אַזוי האָט דער אויבערשטער אָפּגעהיטן יעקב אבינו ע"ה פון עשו און לבן.

זאָגט דער ש"ך על התורה אַ רמז דערויף. די ראשי תיבות פון די ווערטער ה' נ'יצב ע'ליו, זענען "עני". צו לערנען אונז די מעלה פון דעם אָרימאַן, אַז דער אויבערשטער דערנענטערט זיך צו איהם און ער שטייט נעבן איהם. "עני" מיינט נישט דווקא אַ מענטש וואָס פאַרמאָגט נישט קיין געלט, נאָר אָרימקייט איז שייך ביי יעדע זאַך. אויב עס פעלט פאַר דעם מענטש אַ זאַך אין וועלכער ער נויטיגט זיך, הייסט ער שוין אַן "אָרימאַן" לגבי יענע זאַך.

עס ווערט געברענגט (ס' "ליקוטי יהודה", פרשתינו, ע' ד"ש) אַז דער גור'ער רבי, הרה"ק בעל "אמרי אמת" זי"ע, האָט אַמאָל געפרעגט זיין זון, הרה"ק בעל "פני מנחם" זי"ע (ווען ער איז געווען אַ קינד) אויב יעקב אבינו ע"ה האָט געזעהן אַ לייטער וואָס דערגרייכט ביז'ן הימל, פאַרוואָס איז ער נישט אַרויפגעגאַנגען מיט'ן לייטער צום הימל? האָט דער "פני מנחם" געענטפערט, "ס'איז דאָך געווען נאָר אַ חלום...". האָט זיין פאָטער, דער "אמרי אמת", איהם ווייטער געפרעגט: אויך אין חלום, האָט יעקב געדאַרפט אַרויפגיין צום הימל... האָט דאָס קינד געענטפערט: וואָס האָט יעקב געהאַט אַרויפצוגיין אין הימל? דער אויבערשטער איז דאָך געשטאַנען אויף דער ערד נעבן איהם, "והנה ה' ניצב עליו"... און אַז דער אויבערשטער געפינט זיך דאָ, נעבן דעם מענטש אויף דער וועלט, האָט דער מענטש נישט וואָס צו זוכן אין הימל... דער "אמרי אמת" האָט זייער הנאה געהאַט פונעם ענטפער פון זיין "בן זקונים".

לענינינו, קענען מיר צולייגן, אַ מענטש האָט נישט וואָס צו "זוכן" דעם אויבערשטען דאָ און דאָרט, ווייל דער אויבערשטער שטייט דאָך ממש נעבן איהם. דו דאַרפסט נישט מער ווי זיך ווענדן צו דעם אויבערשטען, און עס וועט דיר זיין גוט...

**ד.** דער עיקר איז, צו "לעבן" מיט די אמונה מיט אַן אמת, ווייל דער עיקר איז נישט צו רעדן דערפון נאָר עס מקיים צו זיין, ווי די חז"ל זאָגן, "לא המדרש עיקר, אלא המעשה".

עס איז באַקאַנט אַז דער גרויסער פילאָזאָף אריסטו, איז אַמאָל געכאַפּט געוואָרן ווען ער האָט געטוהן זאַכן וואָס זענען געווען אין פולשטענדיגן "קעגנזאַץ" צו זיינע "דרשות" און פרעדיגערייען, אַז דער מענטש דאַרף זיין אַ בעל דרך ארץ, און אַכטונג געבן אויף אַלע זיינע מעשים, ווי ביים עסן, ביים טרינקען, א.ד.ג. ווען זיינע סטודענטן האָבן זיך געוואונדערט דערויף, האָט אריסטו געענטפערט: "ווען אריסטו עסט, איז ער נישט אריסטו...". "פיטאגראַס (אַ פילאָזאָף וועלכער האָט אַוועקגעשטעלט גרויסע יסודות אין די לערעס פון טעכניק און וויסנשאַפט), דאַרף נישט זיין 'דרייעקיג'...".

**ועיני לאה רכות - תפלה איז בכח צו שפאַלטן הימלען**

**אין** דער היינטיגער סדרה (ל, ח) "ותאמר רחל נפתולי אלקים נפתלתי עם אחותי". טייטשט דער הייליגער רבי ר' אלימלך זי"ע (ספה"ק "נועם אלימלך", ליקוטי שושנה, ד"ה "שירו") אַז דאָס וואָרט "נפתלתי" איז פון לשון תפלה. פונקט אַזוי ווי רחל איז געוואָרן צוריק באַהאַפטן צו איר שוועסטער נאכדעם וואס זי איז געהאָלפן געוואָרן מיט קינדער, אַזוי איז ווען אַ איד דאַוונט צו דעם אויבערשטען. ער ווערט דעמאָלטס באַהאַפטן צום באַשעפער, און דאָס איז דער מהות פון תפלה, אַז דער מענטש ווערט דערנענטערט און באַהאַפטן צום אויבערשטען.

פון דער היינטיגער פרשה לערנען מיר טאַקע דעם כח פון תפלה, אַז עס איז בכח צו ענדערן אַ גזירה פון הימל, ווי די גמרא זאָגט (ב"ב קכג.) אַז די מענטשן פון יענעם דור האָבן געזאָגט: רבקה האָט צוויי זין - עשו און יעקב, און לבן האָט צוויי טעכטער - לאה און רחל. "גדולה לגדול, וקטנה לקטן" - עשו וועט חתונה האָבן מיט לאה, און יעקב וועט נעמען רחל פאַר אַ ווייב. וועגן דעם האָט לאה געוויינט לאַנגע יאָרן, אַז זי זאָל נישט אַריינפאַלן צו עשו הרשע, ווי דער פסוק זאָגט (כט, יז) "ועיני לאה רכות".

**אויך** זאָגן די חז"ל (תנחומא הקדום, ויצא, יב) אַז ווען רבקה האָט געבוירן יעקב און עשו, האָט לבן געבוירן

---

ער האָט געמיינט צו זאָגן, אַז אַ גוי און זיין חכמה, זענען צוויי באַזונדערע זאַכן. די חכמה פון אַ גוי האָט נישט קיין שייכות מיט זיין עצם מהות. ביי אידן, איז אָבער אַנדערש. דער גאַנצער תכלית פון רעדן וועגן אמונה און בטחון, און אַנדערע ענינים פון עבודת ה', איז, אַז די ווערטער וואָס מ'רעדט, זאָלן אַריינדרינגען אין האַרץ און אין די נשמה פון אַ איד (זעה ס' "שם משמואל", חנוכה, שנת תרע"א).

הרה"ק מסאַטמאַר זי"ע האָט געזאָגט בדרך מליצה, אויפ'ן פסוק (פרשתינו לא, כד) "ואלקי אביכם אמש אמר אלי לאמור, השמר לך מדבר עם יעקב מטוב עד רע". לבן האָט געזאָגט "אמש אמר אלי" - נעכטן האָב איך געהערט פון דעם אויבערשטען, אָבער דאָס באַרירט מיך נישט אין היינטיגן טאָג... אַזוי פירט זיך אַ רשע ווי לבן, אָבער דער ריכטיגער וועג, איז ווי דער פסוק זאָגט "והיו הדברים האלה אשר אנכי מצוך 'היום'...".

**ה.** אויף דעם פסוק אָנהייב סדרה (כח, יא) "ויפגע במקום", זאָגט רש"י, אַז דאָס וואָרט "ויפגע" איז פון לשון תפלה, ווי דער פסוק זאָגט (ירמיה ז, טז) "ואל תפגע בי". אַזוי זאָגט אויך די גמרא (ברכות כו:) "אין פגיעה אלא תפלה".

זאָגט הרה"ק רבי דוד'ל לעלוב'ער זי"ע (מובא בס' "אהל יששכר", וואלבארז, פ' ויצא), "ויפגע" איז פון לשון "פגע'ן" (וואָס מ'רופט היינט אויף אונזער שפּראַך אַ "נודניק"...). דער מענטש דאַרף "פּגע'ן" דעם באַשעפער כביכול, ביז ער ברעכט אויף אַלע מויערן וואָס טיילן אָפּ צווישן אידן און זייער פאָטער אין הימל.

אַזוי האָט געזאָגט דער "חפץ חיים" זי"ע, צו זיין טאָכטער: "דער רבונו של עולם איז אַ טאַטע וואָס האָט ליב אַז מ'נודזשעט איהם...".

אַוודאי איז תפלה גוט אין יעדע צייט, אָבער עס זענען דאָ זמנים און אופנים ווען עס איז אַ ספּעציעלער "עת רצון" אין הימל צו ענטפערן די תפלות פון אידישע קינדער, ווי דער 'בעל הטורים' זאָגט אויפ'ן פסוק (כח, טז) "וייק'ץ יעק'ב משנת'ו ויאמ'ר", סופי תיבות צבו"ר. צו לערנען דיך, אַז די תפלה פון אַ איד ווערט אָנגענומען נאָר אויב ער דאַוונט בציבור.

אַזוי זאָגט אויך דער "מגלה עמוקות" (ד"ה "או והנה באר"), און ער איז מוסיף: צבו"ר באַטרעפט די צאָל 298, אַזוי ווי דאָס וואָרט "רחמים". דאָס איז אַ רמז, אַז מדת הרחמים ווערט נתעורר ווען אַ ציבור דאַוונט.

מיט דעם, טייטשט דער "מגלה עמוקות", דעם גאַנצן פסוק, "ויקץ יעקב משנתו ויאמר, אכן יש ה' במקום הזה ואנכי לא ידעתי". "אכן יש ה' במקום הזה" - ווען אידן דאַוונען בציבור, איז דער אויבערשטער, דער מקור פון רחמים, זיכער דאָ. "ואנכי" - אָבער ווען איך דאַוון אַליין, אָן דעם ציבור. "לא ידעתי" - ווייס איך נישט אויב די תפלה איז געענטפערט געוואָרן, ווייל תפילה פון אַ יחיד, נויטיגט זיך אין אַן "עת רצון".

אגב, אויף דעם פסוק "וזה שער השמים" (כח, יז), און אַ פסוק שפּעטער (פסוק יח) "וישכם יעקב" וגו', זאָגט דער "בעל הטורים", אַז דאָ איז מרומז אַז ביי דעם עלות השחר ווערן געעפנט די טויערן פון הימל, און עס איז אַ גוטער זמן דעמאָלטס מתפלל צו זיין צום אויבערשטען.

זיינע צוויי טעכטער, לאה און רחל, און זיי האָבן געשריבן ברייוון און געמאַכט אַן "אירוסין" צווישן עשו און לאה, און צווישן יעקב און רחל (נאָר עשו האָט נישט געוואָלט חתונה האָבן מיט לאה, און אנשטאט דעם, האָט ער חתונה געהאַט מיט מחלת, די טאָכטער פון ישמעאל).

**קומט** אויס, אַז באמת איז לאה געווען עשו'ס זיווג, און נאָך מער, זי האָט שוין אפילו געזעהן ווי יעקב אבינו ע"ה האָט "פאַרהאַנדלט" מיט איר פאָטער, לבן, אַז ער וועט אַרבעטן פאַר איהם 7 יאָר, פאַר זיין טאָכטער רחל. "אעבדך שבע שנים ברחל בתך הקטנה" (אויך האָט לאה גאַנץ גוט געוויסט, אַז איר פאָטער, לבן, וויל האָבן דעם רשע עשו אַלס "חתנא דבי נשיאה" - זיין איידעם, וואָס דאָס וועט זיין "מין במינו"...). לאה האָט אָבער נישט אויפגעגעבן איר האָפענונג, און האָט כסדר מתפלל געווען צום באַשעפער ער זאָל בטל מאַכן די גזירה, און צום סוף האָט זי טאַקע גע'פועל'ט מיט איר תפלה אַז לבן האָט אויסגענאַרט יעקב, איר צו געבן צו יעקב.

**אַזוי** איז איר תפלה געענטפערט געוואָרן, ווי דער מדרש זאָגט, רבינא האָט געזאָגט: גאָר שטאַרק איז דער כח פון תפלה, אַז עס האָט בטל געמאַכט די גזירה, און נאָך מער, לאה האָט זוכה געווען צו ווערן יעקב'ס ווייב, נאָך איידער רחל האָט זוכה געווען דערצו. לאה האָט אַפילו אויפגעשטעלט דעם רוב מנין ורוב בניין פון די הייליגע שבטי י-ה[ו].

**דער** מדרש זאָגט (ילקוט שמעוני וישלח, רמז קלג) רבי חנין האָט געזאָגט, דער מענטש וואָס ווייסט אויסצורעכענען וויפיל "נסכים" אונזער טאַטע יעקב האָט געגאָסן אין בית א-ל, ווייסט דעם חשבון פון די וואַסערן פון טבריא. דאָס מיינט, יעקב האָט אַזוי פיל נסכים געגאָסן אין בית א-ל, אַז נאָר איינער וואָס קען ציילן די טראָפּנס וואַסער פונעם כנרת, קען ציילן די נסכים פון יעקב אבינו ע"ה[ז]. און ווי די ספרים הקדושים טייטשן, זענען די נסכים מרמז אויף די טרערן וואָס זענען געריינען פון יעקב'ס אויגן.

**דער** מדרש זאָגט (ב"ר פע"ד, יא) אַז ווען לבן איז נאָכגעלאָפן יעקב און האָט איהם געטראָפן, האָט יעקב געזאָגט קאַפּיטלעך תהלים, ווי דער פסוק זאָגט (תהלים כב, ד) "ואתה קדוש יושב תהלות ישראל".

**זאָגט** דער "גשר החיים" (ח"א פ"ל, ע' שטו, בהערה), אַז ווען יעקב איז אַנטלאָפן פון לבן, און ער האָט געהערט ווי דער אויבערשטער זאָגט צו לבן (פרשתינו לא, יד) "השמר לך מדבר עם יעקב מטוב עד רע" (לא, כט), האָט יעקב זיך מתבונן געווען, אַז אויב דער אויבערשטער האָט זיך שוין יאָ באַוויזן צו לבן, פאַרוואָס האָט ער איהם נאָר געוואָרנט אַז ער זאָל נישט טשעפּען מיט יעקב, און ער האָט איהם נישט פאַרבאָטן אַפילו נאָכצולויפן יעקב? נאָר וואָס דען, דער אויבערשטער זיצט און קוקט אַרויס צו הערן תפלות פון אידישע קינדער, און ער וויל אַז יעקב זאָל זיך יעדע נאַכט אויסגיסן דאָס האַרץ מיט תפלה און הודאה, אַזוי ווי ער האָט געטוהן ביז דעמאָלטס, ווען ער האָט געוואוינט ביי לבן. וועגן דעם האָט דער אויבערשטער ערמעגליכט

ו. די ספרים זאָגן אַ רמז, ביי לאה זאָגט דער פסוק "ועיני לאה רכות", ווייל זי האָט פאַרגאָסן טרערן אַז זי זאָל נישט אַריינפאַלן צו עשו הרשע, אָבער ביי רחל זאָגט דער פסוק (ירמיה לא, טו) "מנעי קולך מבכי". דאָס איז דערפאַר ווייל לאה האָט געוויינט, ווייל זי האָט געוואָלט אויפשטעלן אַ אידישע היים, אַ הויז פון קינדער צדיקים. אַזאַ געוויין איז זייער חשוב אין הימל, און דער אויבערשטער האָט איר דעריבער נישט געוואָלט זאָגן אַז זי זאָל אויפהערן וויינען ("מנעי קולך מבכי"...).

ז. אַזוי זאָגט דער הייליגער רוזינער זי"ע ("עירין קדישין השלם", הפטרה לפ' וירא), אַז ס'איז דער שטייגער פון מענטשן צו גרינגשעצן דעם כח פון זייערע תפלות, מיט די טענה אַז וויבאַלד זיי דאַווענען נישט מיט אמת'ע התעוררות פון האַרצן, און זייער תפלה איז נאָר "מן השפה ולחוץ", האָט זייער תפלה נישט קיין ווערד. דער אמת איז אָבער, אַז איין תפלה מיט אמת'ע כוונה פון טיפן האַרץ, הייבט אויף אַלע תפלות וואָס מ'האָט נישט געדאַווענט ווי געהעריג (זוהר הקדוש פ' ויקהל דף רמב:). על דרך משל, באַן שטייען אויסגע'שורה'ט איינע נאָך די צווייטע, אָבער זיי קענען זיך נישט רירן אַפילו אַ קליינעם טריט, ביז מ'באַהעפט זיי צום כח פון דעם לאָקאָמאָטיוו (דער פאָדערשטער וואַגאָן), וואָס איז דער גאנצער קראַפט פון די באַן. עס שלעפּט נאָך זיך אַלע וואַגאָנען, אָבער באמת האָבן זיי נישט קיין אייגענעם כח אַליין צו פאָרן.

פאַר לבן איהם נאָכצולויפן, כדי ער, יעקב, זאָל נישט מסיח דעת זיין פון דאַווענען אין יעדן פאַל.

**דאָס** איז אויך די כוונה פון די חז"ל (ב"ר פס"ח, יא) "וישכב במקום ההוא", אַז נאָר אויף יענעם אָרט האָט יעקב זיך געלייגט שלאָפן, אָבער אין משך פון די 20 יאר וואָס ער האָט געוואוינט אין הויז פון לבן, האָט ער זיך בכלל נישט געלייגט, נאָר ער האָט כסדר געזאָגט קאַפּיטלעך תהלים, בעטנדיג און לויבנדיג דעם אויבערשטען[ח].

**באמת**, קען מען נישט באַקומען אויף דער וועלט קיין שום זאַך, אָן תפילה. אויך די שפע וואָס איז באַשערט און צוגעגרייט פאַר'ן מענטש, ווערט

---

**ח.** וועגן דעם ענין פון לויבן און דאַנקען דעם אויבערשטען, זאָגט דער גאון מהר"ם שי"ק זי"ע (פרשתינו) אויפ'ן פסוק (כט, לה) "הפעם אודה את ה', על כן קראה שמו יהודה". דער מענטש וואָס איז באמת מכיר טובה פאַר אַ צווייטן וואָס האָט איהם געטוהן אַ טובה, באַגנוגט זיך נישט מיט דאַנקען יענעם איין מאָל, נאָר ער געדענקט שטענדיג די טובה וואָס יענער האָט איהם געטוהן. צוליב דעם, געפינען מיר אַז די אבות הקדושים האָבן געגעבן נעמען פאַר געוויסע פלעצער צוליב אַ געשעהעניש, כדי זיי זאָלן שטענדיג געדענקען דאָס גוטס וואָס דער אויבערשטער האָט מיט זיי געטוהן, און די שפּעטערדיגע דורות זאָלן אויך דאַנקען דעם אויבערשטען דערפאַר, און מאַכן די ברכה "ברוך שעשה נסים לאבותינו".

זאָגט דער מהר"ם שי"ק, אַז אויך די צדיקת לאה האָט זיך געמאַכט סימנים אַז זי זאָל נישט פאַרגעסן אַז מ'דאַרף שטענדיג דאַנקען דעם באַשעפער פאַר זיינע טובות. ווען עס איז ביי איר געבוירן געוואָרן איר פערטער זון, וואָס דעמאָלטס האָט זי באַקומען מער ווי איר חלק (ווייל יעקב האָט געדאַרפט אויפשטעלן 12 שבטים, פון פיר ווייבער), און זי האָט געוואָלט אַז זי זאָל נישט פאַרגעסן צו דאַנקען דעם אויבערשטען פאַר אַלע טובות וואָס ער טוט מיט איר, האָט זי געטראַכט צו זיך, נאָך די אַלע חסדים וואָס דער אויבערשטער האָט געטוהן מיט מיר, איז דען גענוג אַז איך דאַנק איהם נאָר דאָס מאָל? און מיט א לשון שאלה האט זי געפרעגט "הפעם אודה את ה'"? ס'איז דאָך ראוי אַז איך זאָל שטענדיג דאַנקען און לויבן דעם הייליגן באַשעפער פאַר זיינע חסדים, אָן אַן איבעררייס. וועגן דעם, האָט זי איהם אָנגערופן "יהודה", כדי זי זאָל אייביג געדענקען מיט ליבשאַפט די טובות וואָס דער אויבערשטער האָט געטוהן מיט איר.

"מענין לענין באותו ענין". אין דער היינטיגער פרשה לייענען מיר (ל, כג) אַז ווען יוסף הצדיק איז געבוירן געוואָרן, האָט רחל געזאָגט, "אסף אלקים את חרפתי". זאָגט רש"י, "כל זמן שאין לאשה בן אין לה במי לתלות סרחונה. משיש לה בן, תולה בו. מי שבר כלי זה, בנך. מי אכל תאנים אלו, בנך". אַזוי לאַנג ווי די פרוי האָט נישט אַ קינד האָט זי נישט וועמען צו "באַשולדיגן" אין אַלע אירע פּראָבלעמען. ווען זי האָט אַ קינד, הענגט זי אַלעס אָן אויפ'ן קינד. ווער האָט צובראָכן די כלי? - דיין זון... ווער האָט אויפגעגעסן די פייגן? - דיין זון...

פרעגן די מפרשים, נאָך אַזוי פיל יאָרן וואָס רחל אמינו האָט געוואַרט אויף קינדער, און איז ענדליך געהאָלפן געוואָרן מיט אַ זון, וואָלט זי געדאַרפט דאַנקען אויף פיל גרעסערע זאַכן, און נישט אויף אַזאַ קליינינקייט, אַז פון יעצט אָן, וועט זי קענען אָנהענגען יעדע שולד אויף איר זון... נאָר וואָס דען, דאָ לערנען מיר אַ גרויסן כלל אין דעם ענין פון דאַנקען און לויבן דעם אויבערשטען, אַז מ'דאַרף איהם דאַנקען פאַר יעדע קלייניגקייט, פונקט אַזוי ווי פאַר די גרויסע זאַכן. אויך אויף אַזאַ מינדערוויכטיגע זאַך ווי דאָס אַז מ'האָט וועמען צו "באַשולדיגן" ווען עס צוברעכט זיך אַ כלי, אָדער ווען עס ווערן "פאַרשוואונדן" פייגן... דאַנקט מען דעם אויבערשטען אויך אויף דעם, ווייל מ'טאָר נישט לייקענען קיין שום טובה און חסד וואָס דער אויבערשטער טוט מיט אונז.

די גמרא זאָגט אין מסכת' ברכות (נט:), "מודים אנחנו לך על כל טיפה וטיפה שהורדת לנו", ווען עס קומט אַראָפּ רעגן, דאַרף מען דאַנקען דעם באַשעפער און זאָגן מיר דאַנקען דיר פאַר יעדן טראָפּן וואַסער וואָס דו האָסט אַראָפּגעשיקט אויף דער וועלט. האָט דער "אַלטער" פון סלאָבאָדקע זי"ע מסביר געווען די כוונה פון דעם, ווייל ס'איז נישט גענוג צו לויבן דעם אויבערשטען פאַר'ן אַראָפּברענגען רעגן בכלליות, נאָר יעדער טראָפּן רעגן איז אַ באַזונדערע מתנה פון דעם אויבערשטען ברוך הוא, פאַר וועלכע מ'דאַרף איהם באַזונדער דאַנקען. כאָטש באמת קען דאָך דער מענטש לכאורה פרעגן: וואָס פאַראַ נוצן קען מען האָבן פון איין טראָפּ רעגן?... פונדעסטוועגן, דאַרפן מיר אנערקענען די חסדים פון דעם אויבערשטען, "הגומל חסדים טובים לעמו ישראל".

נישט אָנקומען צו איהם אויב ער איז נישט מתפלל דערויף[ט].

אַזוי זאָגט דער "אור החיים" הקדוש, אויף דעם פסוק אין דער היינטיגער פרשה (ל, כב) "ויזכור אלקים את רחל, וישמע אליה אלקים". "מגיד הכתוב, שהגם שעלה זכרונה לפניו לטובה, 'ויזכור אלקים את רחל', עדיין הוצרכה לתפלה". דער פסוק לערנט דיך, אַז כאָטש דער אויבערשטער האָט געדענקט רחל אמינו צום גוטן, און ער האָט איר געהאָלפן מיט קינדער, האָט זי אָבער נאָך אַלץ געדאַרפט מתפלל זיין דערויף. צוליב דעם זאָגט דער פסוק, "וישמע אליה אלקים". עס איז נישט געווען גענוג דאָס וואָס דער אויבערשטער האָט געדענקט פון איר, נאָר זי האָט געדאַרפט לאָזן הערן איר קול מיט תפלה. ערשט דאַן "ויפתח את רחמה", און עס זענען געבוירן געוואָרן ביי איר די צוויי הייליגע שבטים, יוסף און בנימין'.

---

**ט.** על דרך משל, אויך דער גרעסטער עושר וואָס האָט אין באַנק אַ סאַך ביליאָנען, קען נישט אַרויסנעמען פון דאָרט אַפילו איין פרוטה, אויב ער שרייבט נישט אויס אַ "טשעק" א.ד.ג. דאָס זעלבע, אין הימל איז דאָ אַ "באַנק" מיט ברכות און גוטע השפעות, אָבער עס ווענדעט זיך אין די זכותים פון מענטש, וואָס ער לערנט תורה און טוט מעשים טובים. ער קען נישט אַראָפּברענגען די שפע פון ברכה אויף דער וועלט, נאָר מיט אַ "טשעק", וואָס דאָס איז תפלה.

אין הויף פונעם הייליגן אַפּטער רב, בעל "אוהב ישראל" זי"ע, איז געווען אַ כולל פון יונגעלייט בני עלייה, וועלכע האָבן עוסק געווען בתורה ובעבודה יומם ולילה, און אַלע זייערע באַדערפענישן זענען פאַר זיי צוגעשטעלט געוואָרן דורכ'ן אַפּטער רב, וועלכער פלעגט יעדן ראש חודש געבן געלט פאַר די יונגעלייט פון כולל, צו לעבן דעם קומענדיגן חודש הבעל"ט.

אַמאל ראש חודש, האָט איינער פון די כולל יונגעלייט געטראַכט אינמיטן זאָגן די ברכה פון "שמע קולנו": וואָס דאַרף איך בעטן אויף פרנסה, דער רבי האַלט דאָך מיך אויס, מיט אַלע באַדערפענישן...

נאָכ'ן דאַווענען, האָט דער אַפּטער רב זי"ע זיך אַוועקגעשטעלט ביי די טיר און דערלאַנגט פאַר יעדן יונגערמאַן זיין סכום. ווען עס איז געקומען די רייע פון דעם דערמאנטן יונגערמאן, האט דאָס געלט זיך אויסגעלאָזט. איז דער אַפּטער רב צוריק אַריינגעגאַנגען אין זיין צימער, כדי צו ברענגען נאָך געלט פאַר די יונגעלייט. אַרויסקומענדיג פון צימער, האָט דער אַפּטער רב איבערגעהיפּט דעם יונגערמאַן, און געגעבן געלט פאַר דעם קומענדיגן אין דער רייע נאָך איהם... צום סוף, ווען דער יונגערמאַן איז געבליבן אָן געלט, האָט דער אַפּטער רב איהם געזאָגט, אַז ער האָט מער נישט קיין געלט אין בייטל... שפּעטער, האָט דער יונגערמאַן זיך אויסגערעדט פאַר'ן אַפּטער רב, אויף דעם וואָס ער האָט נישט באַקומען דעם באַשטימטן סכום וואָס ער באַקומט יעדן ראש חודש. האָט דער אַפּטער רב געזאָגט צו דעם יונגערמאַן:

- זעה נאָר, יעדן חודש שטעלט-צו דער אויבערשטער פאַר מיר די גענויע סומע געלט וואָס איך דאַרף האָבן צו געבן פאַר די יונגעלייט פון כולל. ביז היינט, האָט נאָך קיינמאָל נישט פּאַסירט אַזאַ זאַך, אַז עס זאָל עמיצן פעלן, און ער זאָל נישט באַקומען דאָס געלט וואָס עס קומט איהם. היינט, אַז דו האָסט נישט באַקומען דיין געלט, איז דאָך אַ סימן אַז ס'איז אַזוי געווען באַשערט פון הימל. מאַך דעריבער אַליין אַ חשבון הנפש, צו פאַרשטיין פאַרוואָס דווקא דו האָסט נישט באַקומען דאָס געלט וואָס ס'איז דיר געקומען...

דערפון האָט דער יונגערמאַן פאַרשטאַנען, אַז אויך ווען די שפע איז שוין אָנגעגרייט פון הימל פאַר אַ מענטש, דאַרף ער עס ממשיך זיין אויף זיך דורך תפלה...

**י.** ס'איז באַקאַנט, אַז אויך לאה איז בטבע געווען אַן עקרה (ספורנו פרשתינו כט, לא). דער טעם פאַרוואָס לאה האָט זוכה געווען צו קינדער פריער ווי רחל, איז געווען דערפאַר ווייל רחל האָט געוואוסט אַז יעקב האָט געוואלט און געארבעט פאר איר איבער לאה, און זי האָט זיך פאַרלאָזט אויף דעם כח פון יעקב אבינו ע"ה, און וויבאַלד זי האָט זיך פאַרלאָזט אויף אַ בשר ודם, האָט דער אויבערשטער איר צוריקגעהאַלטן פון האָבן קינדער, אָבער לאה האָט געוואוסט אַז זי האָט נישט וואָס צו זיך פאַרלאָזן אויף יעקב, און אַזוי האָט זי אַרויפגעוואָרפן איר גאַנצע פאַרזיכערונג אויף דעם אויבערשטען, און דעריבער איז זי באַלד געהאָלפן געוואָרן מיט קינדער.

שפּעטער האָט די זעלבע זאַך פּאַסירט מיט רחל: ווען זי האָט זיך מער נישט פאַרלאָזט אויף יעקב (ווייל ער האָט איר געזאָגט "התחת אלקים אנכי אשר מנע מנך פרי בטן"), און האָט אַליין מתפלל געווען אויף קינדער, האָט זי זוכה געווען צו

זרע של קיימא, ווי דער רמב"ן ז"ל שרייבט (פרשתינו, ד"ה "הבה לי בנים"): "והנה הצדיקת בראותה שלא תוכל להיסמך על תפלת יעקב, שבה להתפלל על עצמה אל שומע צעקה". ווען די צדיקת (רחל) האָט איינגעזעהן אַז זי קען זיך נישט פאַרלאָזן אויף די תפלה פון יעקב, האָט זי געבעטן פאַר זיך צו דעם אויבערשטען, וואָס ער הערט אַלע אידישע תפלות. און אויף דעם זאָגט דער פסוק: "וישמע אליה אלקים" [ענדליכע ווערטער שרייבט דער מלבי"ם ז"ל (שמואל א, א), וועגן חנה, עיי"ש.

עס איז אַ משל צו אַן אָרימאַן וואָס גייט אַרום זאַמלען געלט, און ער האָט אָנגעקלאַפּט אין די טיר פון שטאָטישן גביר, וועלכער האָט געעפנט פאַר איהם די טיר און אויך זיין האַרץ, און האָט איהם דערלאַנגט אַ שיינע נתינה. שפּעטער האָט דער אָרימאַן געהערט, אַז אַן אַנדערער אָרימאַן פון שטאָט, וועלכער איז אויך געגאַנגען צום גביר נאָך אַ נדבה, האָט באַקומען פון איהם אַ שענערע נתינה ווי ער, דער ערשטער, האָט באַקומען. איז ער אַריבערגעלאָפן צום הויז פונעם גביר, און איז איהם "באַפאַלן" מיט אַ טענה, היתכן, מיין חבר, האָט באַקומען מער ווי איך... איך האָב באַקומען אַ קליינע נדבה, אָבער יענער האָט באַקומען גאָר אַ שיינעם סכום... האָט דער עושר איהם געענטפערט:

דו גייסט אַרום איבער די הייזער זאַמלען נדבות, און אויפ'ן וועג ביזטו אויך געקומען צו מיר. איך האָב גאַנץ גוט געוואוסט, אַז דו טראַכסט ווייטער צו זאַמלען נדבות ביי די אַנדערע שטאָט-לייט, דעריבער האָב איך נישט געזעהן פאַר וויכטיג צו שענקען מער געלט פאַר דיר, נאָר דו זאָלסט ווייטער גיין נאָך געלט, און "פרוטה לפרוטה מצטרפת", איין פרוטה מיט די אַנדערע, וועלן זיך שוין צוזאַמענפאָרן... אָבער דיין חבר, דער אַנדערער אָרימאַן, איז געקומען צו מיר און זיך אויסגעוויינט זיין ביטער האַרץ פאַר מיר איבער זיין שווערן מצב, אַז ער האָט נישט אויף ברויט צו עסן און אַ קלייד פאַר די קינדער. מיט דעם האָט ער מיר געלאָזט וויסן אַז ער וועט זיך נישט אַוועקרירן פון מיין הויז ביז ער וועט נישט באַקומען פון מיר אַלעס וואָס ער דאַרף האָבן... וועגן דעם האָב איך געשפּירט די גרויסע אחריות וואָס ליגט אויף מיינע פּלייצעס, און איך האָב איהם געגעבן וויפיל ער האָט ערוואַרט צו באַקומען פון מיר...

דער נמשל איז, דער מענטש ווענדעט זיך צו איין עסקן נאָך הילף, און דערנאָך צו אַ צווייטן עסקן, און צווישן אַנדערן, בעט ער "אויך" פון דעם אויבערשטען... אָבער דער מענטש וואָס הייבט אויף זיינע אויגן צום הימל און זאָגט: רבונו של עולם, "אין לנו מלך אלא אתה", איך האָב נישט צו ווענדן זיך צו ווענדן, נאָר צו דיר, "מבלעדי עוזך ועזרתך, אין עזרה וישועה", אָן דיין שטאַרקייט און דיין הילף, איז נישט פאַרהאַן אויף דער וועלט ווער עס זאָל מיר העלפן. מוז דער אויבערשטער כביכול איהם אַליין העלפן, במדה טובה ישועה ורחמים.

דער עיקר מעלה פון תפלה איז טאַקע דעמאָלטס ווען דער מענטש ווייסט אַז ער האָט נישט צו ווענדן זיך צו ווענדן נאָך הילף, נאָר צו דעם אויבערשטען. דאַן ענטפערט מען איהם פון הימל מיט אַ גרויסע מאָס.

אַ יונגערמאַן ווען מיר קענען גוט, איז אַ לאַנגע צייט נאָך דער חתונה נישט געהאָלפן געוואָרן מיט קינדער. נאָכ'ן אַרומגיין צו פאַרשידענע דאָקטוירים, איז ער אָנגעקומען צום באַרימטן פּראָפעסאָר דר. "משיח", וועלכער איז באַקאַנט אַלס אַ גרויסער מומחה אויפ'ן געביט פון באַהאַנדלען מענטשן צו האָבן קינדער. פּראָפעסאָר משיח האָט איהם אָבער געזאָגט, אַז לויט'ן דרך הטבע, וועט ער, חלילה, קיינמאָל נישט האָבן קיין קינדער...

זעלבסט-פאַרשטענדליך, אַז דער יונגערמאַן איז געווען זייער צובראָכן ביי זיך. ער האָט זיך נישט געוואוסט ווי אַזוי אַן עצה צו געבן, ווייל ער האָט נישט געוואוסט ווי אַזוי ער זאָל איבערגעבן פאַר זיין בני בית וואָס דער גרויסער פּראָפעסאָר דר. משיח האָט איהם געזאָגט. איז ער אַריבערגעגאַנגען צום הויז פון דעם גאון רבי חיים קנייבסקי שליט"א, און איהם איבערגעגעבן די ווערטער פון פּראָפעסאָר משיח. האָט רבי חיים איהם געזאָגט: "נו, מיט וואָס קען איך דיר העלפן?!...".

אינגאַנצן אַ פאַרלוירענער, איז דער יונגערמאַן אַריינגעגאַנגען אין דער "לעדערמאַן" שול וואָס געפינט זיך האַרט אין שכנות פונעם שטוב פון רבי חיים. די שול איז דאַן געווען ליידיג, און דער יונגערמאַן האָט זיך גענומען שרייען: "אוי, רבונו של עולם, אוי, רבונו של עולם... נישט פּראָפעסאָר משיח, און נישט רבי חיים, נאָר מירביידע געפינען זיך דאָ אין שול. איך פאַרלאָז זיך נישט אויף קיינעם, נאָר אויף דיר אַליין, באַשעפער זיסער. העלף מיר, העלף מיר...

היינט-צו-טאָגס, האָט דער יונגערמאַן, ברוך השם, אַ שטוב מיט 9 קינדער, זון און טעכטער, בלי עין הרע...

רש"י זאָגט (בראשית כה, כו) אַז 10 יאָר האָט יצחק אבינו ע"ה געוואַרט אַז רבקה זאָל געהאָלפן ווערן מיט קינדער, אַזוי ווי זיין טאַטע, אברהם אבינו. זעהענדיג אַז רבקה איז נישט געהאָלפן געוואָרן, האט ער געוואוסט אַז זי איז אַן עקרה, און ער האָט מתפלל געווען פאַר איר.

**ויגל את האבן - זיך שטאַרקן איבערן יצר הרע וואָס וויל שטערן פון דאַווענען**

**די** גמרא זאָגט (ברכות כו:) רבי יוסי ברבי חנינא האָט געזאָגט, אונזערע הייליגע אבות האבן מתקן געווען צו דאַווענען די דריי תפלות: אברהם האָט מתקן געווען תפלת שחרית, יצחק האָט מתקן געווען תפלת מנחה, און יעקב האָט מתקן געווען תפלת ערבית.

**ווער** דער מענטש פרעגן: צו קען דען אַ פשוט'ער מענטש ווי איך, דאַווענען די תפלות פון די הייליגע אבות?

**נאָר** דער "חפץ חיים" זי"ע האָט געזאָגט אַ משל, כדי צו פראָדוצירן אַ פאַרגעשריטענע מאַשין, דאַרף מען אַוודאי האָבן דערפאַר אַ קלוגן און געניטן מענטש, אָבער נאָך דעם ווי דער קלוגער מענטש האָט שוין פראָדוצירט די מאַשין, קען שוין יעדער "גולם" זיך באַנוצן דערמיט.

**דאָס** זעלבע נאָך דעם ווי די אבות האָבן אויפגעדעקט דעם כח פון תפלה, קען שוין יעדער איד אויסנוצן דעם גרויסן כח, און פועל'ן מ'זאָל ערפילן אַלע זיינע בקשות.

**דער** יצר הרע פאַרלייגט זיך מיט אַלע כוחות צו שטערן אידישע קינדער פון עפענען דאָס מויל צו דאַווענען, ווי דער "שפת אמת" זאָגט (ויצא תרמ"ד) אויף דעם פסוק אין דער היינטיגער סדרה (כט, ב) "והאבן גדולה על פי הבאר". לכאורה איז שווער, דער פסוק וואָלט געדאַרפט זאָגן "ואבן", אַ שטיין. פאַרוואָס זאָגט ער "והאבן", מיט אַ ה"א הידיעה?

**זאָגט** דער "שפת אמת", "אבן" איז מרמז אויפ'ן יצר הרע, ווי די גמרא זאָגט (סוכה נב.) אַז איינע פון די זיבן נעמען וואָס דער יצר הרע האָט, איז "אבן", (ווי דער פסוק זאָגט (יחזקאל לו, כו) "והסירותי את לב האבן מבשרכם")[יא]. דער יצר הרע איז אַזוי ווי אַ שטיין וואָס

איז משמע פון די ווערטער פון רש"י ז"ל, אַז יצחק האָט מתפלל געווען אויף רבקה ערשט נאָך דעם ווי עס איז פאַר איהם קלאָר געוואָרן אַז זי איז אַן עקרה. דאַרף מען פאַרשטיין, פאַרוואָס האָט יצחק טאַקע נישט מתפלל געווען פאַר איר ביז צען יאָר? אויך דאַרף מען פאַרשטיין וואָס רש"י זאָגט (דאָרט) אויף דעם פסוק "ויעתר יצחק", "הרבה והפציר בתפלה". יצחק האָט אַ סאַך געבעטן אויף קינדער. לויט די אויבן-דערמאָנטע ווערטער פון רש"י, האָט דאָך יצחק מתפלל געווען נאָר איין תפלה, נאָך דעם ווי עס זענען אַדורכגעגאַנגען צען יאָר, און ער איז באַלד געענטפערט געוואָרן?

קען מען ענטפערן, אַז באמת האָט יצחק אַ סאַך מתפלל געווען פאַר רבקה אַז זי זאָל געהאָלפן ווערן. עס איז אָבער, ווי עס ווייזט אויס, נישט געווען אַ תפלה מיט'ן גאַנצן האַרץ, ווייל ער האָט געהאַלטן אַז זי קען געבוירן קינדער מיט'ן דרך הטבע. ערשט נאָך אַזוי פיל יאָרן, ווען עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז זי האָט נישט אַ האָפענונג בדרך הטבע, און נאָר דער אויבערשטער קען איר העלפן, האָט יצחק מתפלל געווען פון די טיפענישן פון האַרץ. אַזאַ תפלה מאַכט אַ גרויסן רושם אין הימל, און מ'ווערט תיכף געהאָלפן.

(זעלבסט-פאַרשטענדליך, אַז מיר האָבן אַפילו נישט די מינדעסטע השגה אין דעם גרויסן כח התפלה פון יצחק אבינו ע"ה. מיר קענען אָבער על כל פנים זיך לערנען פון דעם, אַז מ'דאַרף מתפלל זיין מיט'ן געדאַנק אַז מ'פאַרלאָזט זיך נאָר אויף דעם אויבערשטען)

**יא.** אויפ'ן פסוק אין דער היינטיגער סדרה (לא, מב) "לולא אלקי אבי אלקי אברהם ופחד יצחק" וגו', זאָגט רש"י, אַז דער פסוק האָט נישט געוואָלט זאָגן "ואלקי יצחק", ווייל יצחק האָט נאָך געלעבט, און דער אויבערשטער איז נישט מייחד זיין נאָמען אויף די צדיקיםביי זייער לעבן. כאָטש דער אויבערשטער האָט איהם געזאָגט ווען ער איז אַרויסגעגאַנגען פון באר שבע (כח, יג) "אני ה' וגו' ואלקי יצחק" (זעהט מען אַז דער אויבערשטער איז יאָ מייחד זיין נאָמען אויף דעם צדיק ביי זיין לעבן), איז עס דערפאַר ווייל יצחק'ס אויגן זענען געוואָרן פאַרטונקלט און ער איז געווען איינגעשפּאַרט אין דער היים, וואָס דאַן האט ער אַ דין ווי אַ מת ח"ו, און זיין יצר הרע האָט זיך אָפגעשטעלט. אָבער יעקב האָט מורא געהאַט צו זאָגן "ואלקי יצחק", וועגן דעם האָט ער געזאָגט "ופחד יצחק".

פרעגט דער "טורי זהב" ז"ל, אין זיין ספר "דברי דוד", פאַרוואָס האָט יעקב מורא געהאַט צו זאָגן "ואלקי יצחק"? דער אויבערשטער האָט דאָך אַליין גערופן זיין נאָמען אויף יצחק ביי זיין לעבן?

זאָגט דער ט"ז מורא'דיגע ווערטער. דער גאַנצער טעם פאַרוואָס דער אויבערשטער האָט יאָ מייחד געווען זיין נאָמען אויף יצחק ביי זיין לעבן, איז דאָך נאָר געווען דערפאַר ווייל יצחק האָט שוין מער נישט געהאַט אַ יצר

שטרויכלט אידישע קינדער מקיים צו זיין די מצוות פון די תורה. אָבער "גדולה על פי הבאר", ער איז נאָך גרעסער ווען עס קומט צו פאַרמאַכן די מיילער פון אידן, אַז זיי זאָלן נישט קענען דאַוונען חלילה. דעריבער דאַרף מען פאַר יעדע תפלה זאָגן די בקשה, "ה' שפתי תפתח ופי יגיד תהלתך".

**ווייטער** טייטשט דאָרט דער "שפת אמת", די ווערטער פון די חז"ל (ב"ר פ"ע, יב) אויפ'ן פסוק (כט, י) "ויגל את האבן" - "כאדם המעביר את הפקק מעל פי צלוחית", אַזוי ווי אַ מענטש נעמט אַראָפּ אַ שטאָפּער פון אַ פלאַש. אַ שטאָפּער פון אַ פלעשל, אויבנאויף זעהט עס אויס ווי עס פאַרשטעלט די משקה פון פלעשל, עס זאָל נישט אַרויסרינען. דער אמת איז אָבער פאַרקערט, דער גאַנצער ציל פונעם שטאָפּער איז אָפּצוהיטן די וויין אָדער אַנדערע משקאות וואָס געפינען זיך אין פלעשל, אַז עס זאָל נישט געשעדיגט ווערן פון מזיקים וכדומה. דאָס זעלבע איז מיט'ן שטיין וואָס געפינט זיך אויפ'ן האַרץ פונעם מענטש (דער יצר הרע), וואָס אויבנאויף זעהט ער ווי ווי א פשוט'ע שטער וויל איהם שטערן פון דאַוונען. דער אמת איז אבער, אז דאָס אַלעס איז נאָר לטובה פאַר'ן מענטש, כדי ער זאָל זיך שטאַרקן אויף זיין יצר הרע, און יא מתפלל זיין צום באַשעפער ווי געהעריג. און דאַן ווען ער וועט אַראָפּ-קוילערן די שטיין פון זיין האַרץ וועט ער זוכה זיין צו די ישועה, און צו אַלע השפעות טובות.

### ותקרא את שמו גד - קיינער האָט נישט קיין שאָדן מיטן טוהן חסד פאַר אַ צווייטן

**ותאמר** לאה בגד, ותקרא את שמו גד (ל, יא). זאָגט רש"י: "בגד - בא מזל טוב", ווי די גמרא זאָגט (שבת סז:) "גד גדי וסניק לא". (לאה האָט געגעבן אַ נאָמען פאַר איר זון "גד", - עס קומט אַ מזל טוב) דאַרף מען פאַרשטיין, דער נאָמען "גד" טוט נישט אַהנדייטן אַ רמז אויף דעם וואָס עס איז געווען ביי זיין געבורט, און עס איז אויך נישט מרמז אויף אַ תפלה, אַזוי ווי ביי די נעמען פון די אַנדערע שבטים.

**ענטפערט** הרה"ק רבי ר' בונם זי"ע פון פשיסחא ("קול שמחה", פרשתינו), ווייל לכאורה איז שווער, פאַרוואָס האָט לאה געגעבן איר דינסט, זלפה, פאַר יעקב אַלס א פרוי. גאַנץ רעכט רחל האָט געגעבן בלהה אַלס דינסט צו יעקב, ווייל זי איז געווען אַן עקרה, אַזוי ווי שרה אמינו ע"ה האָט געטוהן ביפאר זי האט געבוירן יצחק, און זי האָט געגעבן הגר אַלס אַ דינסט פאַר אברהם. אָבער פאַרוואָס האָט לאה געדאַרפט געבן איר דינסט פאַר יעקב? זי האָט דאָך שוין געהאַט קינדער?

**ענטפערט** דער רבי ר' בונם, אַז וויבאַלד לאה האָט אויפגעהערט געבוירן נאָך קינדער, און זי האָט געוואָלט אויפשטעלן נאָך שבטים[יב], זי האָט אָבער נישט געקענט מתפלל זיין דערויף, ווייל זי האָט שוין געהאַט פיר שבטים און זי האָט געוואוסט אַז יעקב וועט האָבן נאָר 12 שבטים, און ווען יהודה איז געבוירן

---

הרע, און דאָס איז קעגן דעם כבוד פון יצחק, ווייל עס איז אַ פיל גרעסערע מעלה פאַר דעם מענטש אויב ער קען טוהן שלעכטס ח"ו און ער האַלט זיך צוריק דערפון. צוליב דעם האָט יעקב נישט געזאָגט "ואלקי יצחק", ווייל אויב ער וואָלט אַזוי געזאָגט אויף יצחק, אַז ער האָט שוין מער נישט אַ מלחמת היצר, וועט עס זיין אַ זלזול אין כבוד פון זיין טאַטן יצחק.

לאָמיר פרובירן זיך פאַרשטעלן, וואָס עס וואָלטן געטוהן די חסידים פון אַ רבי'ן אָדער די תלמידים פון אַ ראש ישיבה, אויב זיי וואָלטן געהערט ווי עמיצער זאָגט וועגן זייער רבי'ן אַז "דער רבי... דער ראש ישיבה... האָט אַ גרויסן יצר הרע...". פון די ווערטער פונעם "טורי זהב", קומט אָבער אויס פונקט פאַרקערט, אַז דער עיקר כבוד פון אַ מענטש איז ווען ער האָט אַ יצר הרע, וואָס רעדט איהם צו, צו זינדיגן ח"ו און ער לאָזט זיך נישט איבערעדן פון איהם.

לענינינו, קענען מיר צולייגן, דער מענטש זאָל נישט ווערן געפאַלן ביי זיך ווען ער זעהט אַז ער האָט אַ גרויסן יצר הרע וואָס העצט איהם שטענדיג צו עבירות ח"ו, ווייל אדרבה, דער יצר הרע איז דער וואָס דערנענטערט איהם צו זיין טאַטן אין הימל, דורך דעם וואָס ער שטאַרקט זיך קעגן איהם.

**יב.** אַ חשוב'ער רב פון בני ברק דערציילט, אַז יונגערהייט האָט ער זיך זייער געמוטשעט מיט פרנסה און אַנדערע פראָבלעמען. זייענדיג אַ סלאָנימער חסיד, האָט ער זיך אָפּגערעדט פון האַרצן פאַר זיין רבי'ן, הרה"ק בעל "נתיבות שלום" זי"ע.

געוואָרן, האָט דאָך לאה שוין געהאַט באַקומען מער ווי איר חלק. אויב אַזוי, ווי אַזוי קען זי פאַרלאַנגען צו האָבן נאָך שבטים, וואָס דורך דעם וועט פעלן פאַר איינע פון די אַנדערע אמהות? דעריבער האָט לאה געטוהן אַ מעשה פון גמילות חסד, דורך באַפרייען איר דינסט זלפה און זי האָט איר געגעבן צו יעקב, כדי אַז דורך דעם זאָל נתעורר ווערן אויף איר (לאה) פון הימל, די מדה פון חסד.

**דאָס** איז די כוונה פון פסוק: "ותאמר לאה בגד", ג"ד ראשי תיבות ג'ומל ד'לים. דער פסוק איז מרמז, אַז דורך דעם גמילות חסד וואָס לאה האָט געטוהן, איז נתעורר געוואָרן אויף איר אַז מ'זאָל טוהן אויך מיט איר אַ חסד פון הימל, מדה כנגד מדה[ג], און זי האָט געהאַט נאָך אַ זון, גד.

**באַזונדערס** איז דאָס געזאָגט געוואָרן ווען אַ מענטש איז מוותר פון זיינס, כדי צו טוהן גוטס מיט אַנדערע מענטשן[ד]. אַלע טויערן ווערן געעפענט פאַר איהם, אַז ער זאָל געהאָלפן ווערן. אפילו אויב עס זעהט אויס אויפ'ן ערשטן בליק אַז ער האָט עפּעס "דערלייגט" צוליב זיין וותרנות, איז אָבער פשוט אַז

---

האָט דער "נתיבות שלום" איהם געזאָגט: דער מדרש דערציילט (פתיחתא דאיכה רבתי, כ"ד) אַז איידער דער בית המקדש איז חרוב געוואָרן, איז אליהו הנביא געגאַנגען אויפוועקן די הייליגע אבות וואָס רוען אין חברון. האָט אברהם געזאָגט צו דעם אויבערשטען: רבונו של עולם, דו האָסט מיר געגעבן אַ זון צו מיינע 100 יאָר, און ווען ער איז אויפגעוואַקסן און געוואָרן 37 יאָר, האָסטו מיך באַפוילן איך זאָל איהם מקריב זיין אַלס אַ קרבן פאַר דיר, און איך האָב זיך געפירט מיט איהם ווי אַן אכזר ח"ו, איך האָב איהם אַליין געבונדן הענט און פיס, און נישט רחמנות געהאַט אויף איהם.

דערנאָך האָט יצחק געזאָגט צום אויבערשטען: רבונו של עולם, ווען מיין טאַטע האָט מיר געזאָגט "אלקים יראה לו השה לעולה בני" (בראשית כב, ח), האָב איך זיך געלאָזט ברענגען אויף די עקידה, און איך האָב אויסגעשטרעקט מיין האַלדז אונטער'ן מעסער. וועסטו מיר נישט געדענקען דעם גוטן אַקט, און דו וועסט נישט רחמנות האָבן אויף מיינע קינדער?

צום סוף, האָט יעקב געזאָגט: רבונו של עולם, יעצט זענען מיינע קינדער איבערגעגעבן געוואָרן אין די הענט פון זייערע פיינט, אַזוי ווי שאָף צו די שחיטה, נאָך דעם ווי איך האָב ערצויגן מיינע קינדער אַזוי ווי קליינע הינדלעך, און איך האָב געליטן צער גידול בנים, וואָס דעם גרעסטן טייל פון מיינע טעג האָב איך געליטן צער צוליב זיי. וועסטו דען נישט געדענקען פאַר מיר יעצט דעם זכות, זיך צו דערבאַרימען אויף מיינע קינדער? עכ"ל המדרש.

האָט דער "נתיבות שלום" געפרעגט, וויבאַלד יעקב האָט געזעהן אַז עס האָט נישט געהאָלפן דער זכות פון די עקידה און פון די שחיטה, פאַרוואָס האָט ער געגלייבט אַז עס וועט באַשיצן די אידן, דער זכות וואָס ער, יעקב, האָט אויפגעצויגן 12 שבטים? נאָר וואָס דען - האָט דער סלאָנימער רבי ווייטער געזאָגט - מוז מען זאָגן, אַז צו ערציען 12 שבטים אויפ'ן דרך הישר, איז פיל חשוב'ער ווי די עקידה...

מיט די ווערטער, האָט דער "נתיבות שלום" געמיינט צו זאָגן פאַר דעם יונגערמאַן, אַז ער זאָל נישט באַוויינען זיין שווערן מצב, נאָר ער זאָל זיך פרייען מיט זיין חלק וואָס דער אויבערשטער האָט איהם צוגעטיילט, זון און טעכטער וועלכע גייען בדרך התורה והעבודה, וואָס עס איז נישט דאָ עפּעס העכערס און שענערס פון דעם.

**יג.** מיט יאָרן צוריק, איז אַ פּאָרפּאָלק אין בני ברק געהאָלפן געוואָרן מיט קינדער נאָך לאַנגע יאָרן פון זייער חתונה.

מעשה שהיה, כך היה: אין דעם בנין וואו דאָס פּאָרפּאָלק וואוינט, האָט אויסגעבראָכן אַ גרויסע קריגעריי צווישן די שכנים. אינמיטן דעם הייסן וויכוח, האָט אַ שכנ'טע זיך שאַרף אויסגעדרוקט וועגן די קינדערלאָזע פרוי, אַז "יעצט זעה איך אַז דער אויבערשטער ווייסט גוט פאַר וועמען נישט צו געבן קינדער...". ס'איז איבעריג צו זאָגן, אַז די פרוי וועלכע איז אַזוי אויך געווען גענוג צובראָכן, איז געוואָרן נאָך מער אויפגעשווידערט פון אַזעלכע ווערטער, און איז אַהיים געלאָפן מיט אַ געוויין.

ווען איר מאַן איז אַהיים געקומען, האָבן ביידע באַשלאָסן מוחל צו זיין מיט'ן גאַנצן האַרץ פאַר די פרוי וואָס האָט איר געטשעפּעט. אין דעם זכות, האָט מיט זיי פּאַסירט דער גרויסער נס, אַז ביז צען חדשים איז געבוירן געוואָרן ביי זיי אַ בן זכר למזל טוב.

**יד.** אַ איד וואָס האָט געבוירן אַ יונגל למזל טוב, האָט געוואָלט געבן אַ נאָמען פאַר'ן ניי-געבוירענעם יונגעלע, אויפ'ן נאָמען פון זיין פאָטער וועלכער איז נפטר געוואָרן עטליכע חדשים פריער. זיין בני בית האָט אָבער נישט

דער מענטש האָט קיינמאָל נישט שאָדן. ער וועט צום סוף אַליין זעהן וואָס פּאַראַ טובה ס'איז פאַר איהם אַרויסגעקומען פון זיינע גוטע מעשים[טו].

מיר ווייסן אַז "מעשה אימהות סימן לבנים"[טז]. ביי לאה געפינען מיר, אַז איידער דינה איז געבוירן געוואָרן, האָט לאה געבעטן אַז דאָס קינד זאָל זיין אַ

---

מסכים געווען, מיט די טענה, אַז אַ קורצע צייט פריער האָט איינע פון זיינע שכנים (וואָס האָט געוואוינט אין זעלבן בנין) פאַרלוירן רח"ל אַ קינד וואס האָט געטראָגן דעם זעלבן נאָמען. האָט זי דעריבער מורא, אַז דער נאָמען האָט אַ "שלעכטן מזל" ח"ו, און זי וויל נישט געבן איר נאָמען אַזאַ "שרעקליכן נאָמען"...

דער מאַן האָט איר פּרובירט מסביר זיין אַז איז חשש איז נישט מער ווי אַן איינרעדעניש, און דאָס קינד האָט זיכער נישט אומגעקערט זיין נשמה צום באַשעפער ווייל מ'האָט איהם גערופן מיט דעם נאָמען... און ממילא, איז נישט דאָ וואָס חושש צו זיין אָנצורופן זייער קינד מיט'ן דעם נאָמען. אדרבה - האָט דער מאַן גע'טענה'ט - איך בין דאָך מקיים דערמיט די מצוה פון "כיבוד אב". די יולדת, האָט אָבער נישט איינגעשטימט דערצו.

איז דער יונגערמאַן געגאַנגען צום גאון און פוסק רבי שלמה זלמן אויערבאַך זצ"ל, און איהם דערציילט דעם גאַנצן "דין ודברים" צווישן איהם און די יולדת, וועלכע האָט מורא אָנצורופן דעם ניי-געבוירענעם יונגל אויף דעם נאָמען פון זיין טאַטן. האָט רבי שלמה זלמן איהם געזאָגט, ער זאָל טאַקע נישט אָנרופן דאָס קינד מיט'ן זעלבן נאָמען, און ער האָט געגעבן צו פאַרשטיין זיין פסק, אַז באמת איז נישט דאָ וואָס חושש צו זיין איבער דעם נאָמען, נאָר וואָס דען, אויב מ'וועט אָנרופן דאָס קינד מיט'ן דעם נאָמען, איז יעדעס מאָל ווען די שכנים - די עלטערן פון דעם קינד וואס איז ליידער אַוועק פון דער וועלט יונגערהייט רח"ל - וועלן הערן ווי זיי רופן דאָס קינד מיט דעם זעלבן נאָמען, וועט עס זיי דערמאַנען אין זייער טייער קינד וואס זיי האבן נעבעך פאַרלוירן, און זיי וועלן חלילה האָבן גרויס צער און עגמת נפש דערפון.

ווי ווייט דאַרפן מיר זיך אָפּלערנען פון דעם געדאַנק פונעם גאון רבי שלמה זלמן, צו טראַכטן וועגן די אַרומיגע, און נישט זיין פאַרנומען אַ גאַנצן טאָג, נאָר מיט זיך אַליין...!

**טז.** מיר האָבן געהערט פון דעם בעל העובדא, איינער פון די זקני תלמידי חכמים שליט"א, אַז זיין מאמע און איר שוועסטער האָבן אַדורכגעליטן די ביטערע צווייטע וועלט מלחמה אין די לאַגערן, און אַלס רעזולטאַט פון די פייניגונגען אונטער די דייטשע נאַציס ימ"ש, איז די שוועסטער ליידער געבליבן קינדערלאָז רח"ל.

נאָך די מלחמה האָבן די שוועסטערס זיך צעטיילט. די מאמע פון דעם יונגערמאַן איז געפאָרן קיין ארץ ישראל, און זי האָט אויפגעשטעלט אַן ערליכע אידישע היים, און איר שוועסטער, וועלכע האָט ליידער נישט זוכה געווען צו קינדער, איז געפאָרן קיין אַמעריקע.

די שוועסטער אין ארץ ישראל, האָט בעזרת השי"ת אויפגעשטעלט אַ הויז מיט קינדער וועלכע זענען געבוירן געוואָרן איינער נאָכ'ן אַנדערן. ווען עס איז ביי איר געבוירן געוואָרן דאָס דריטע קינד (דער "בעל העובדא", וואָס האָט עס אונז דערציילט), האָט זי געטראַכט: אָט האָב איך, ברוך השם, זוכה געווען צו קינדער, אָבער מיין שוועסטער איז ליידער געבליבן אליין און עלנד אויף דער וועלט, אָן משפחה. וועל איך זי אַלזאָ אַוועקשענקען דעם קינד אַז זי זאָל איהם ערציען אַזוי ווי מ'ערציט אַן אייגן קינד. און אַזוי האָט זי טאַקע געטוהן.

מיט'ן לויף פון די יאָרן, זענען אַלע אירע קינדער ליידער אַראָפּ פון דרך הישר רח"ל, און נאָר יענער זון, וועלכער איז געשיקט געוואָרן קיין אַמעריקע אַלס אַ "חסד", צו זיין ביי די שוועסטער, איז געבליבן ערליך און פרום, און איז דער איינציגער קדיש וואָס זאָגט קדיש נאָך זיין מאמע...

פון די מעשה לערנען מיר, אַז אַ איד האָט קיינמאָל נישט שאָדן ווען ער טוט אַ חסד מיט אַן אַנדערן. און נאָך מער, מיט'ן חסד גופא, טוט ער גאָר אַ טובה פאַר זיך.

**טז.** עס איז באַקאַנט, אַז אין זכות פון אחדות צווישן אידן, וועלן מיר זוכה זיין צו די גאולה שלימה און בנין בית המקדש במהרה.

דער מאַטערסדאָרפער רב, הגאון רבי שמחה בונם עהרענפעלד זצ"ל, האָט געזאָגט אַ שיינעם רמז (מובא בס' "שם משמואל", פי"ב) אויף דעם פסוק אין דער היינטיגער סדרה (כט, כב) "והאבן הזאת אשר שמתי מצבה יהיה בית אלקים". דער דאָזיגער שטיין איז דאָך לכתחילה באַשטאַנען פון 12 שטיינער, נאָר וויבאַלד זיי האָבן זיך אַרומגעקריגט, און יעדער שטיין האָט געזאָגט "עלי יניח צדיק את ראשו", האָט דער אויבערשטער זיי פאַרוואַנדלט אין איין שטיין.

מיידל, כדי רחל זאָל נישט באַקומען אַ קלענערן חלק ווי די שפחות בלהה און זלפה, און אַז זי זאָל געבוירן כאָטש צוויי זון. עס האָט טאַקע פּאַסירט אַ נס, און דינה איז געבוירן געוואָרן.

**אויבנאויף** קען זיך דאַכטן, אַז לאה האָט שאָדן געהאַט איינע פון די 12 שבטים, וועלכע זי האָט געשאַנקן פאַר איר שוועסטער רחל. למעשה, זאָגן אָבער די חז"ל, אַז פון דינה איז געבוירן געוואָרן אסנת, וועלכע האָט שפּעטער חתונה געהאַט מיט יוסף הצדיק, און האָט געבוירן מנשה און אפרים, וואָס אויך זיי זענען געווען אין כלל פון די שבטים, ווי יעקב אבינו ע"ה האָט געזאָגט (בראשית מח, ה) "אפרים ומנשה כראובן ושמעון יהיו לי".

**קומט** דאָך אויס, אַז פון דעם וואָס לאה האָט מוותר געווען אויף איין שבט פאַר איר שוועסטער רחל, האָט זי גאָר באַקומען אנשטאט דעם, צוויי שבטים!

**אויך** ביי רחל ווייסען מיר, אַז זי האָט מוותר געווען פאַר לאה און איר איבערגעגעבן די סימנים. אויבנאויף קען מען מיינען אז זי האט פון דעם "שאָדן געהאַט" אַז זי איז נישט געבליבן דער איינציגער זיווג פון יעקב, און אויך וואָלט רחל זוכה געווען אויפצושטעלן אַלע 12 שבטי י-ה, און אויב אַזוי, האָט זי "שאָדן געהאַט" צען שבטים וועלכע זענען געבוירן געוואָרן ביי לאה, בלהה און זלפה.

**דער** אמת איז אָבער, אַז פון דעם וויתור האָט רחל נאָר פאַרדינט", ווייל באמת איז זי דאָך געווען אַן עקרה ל"ע, און דער זכות וואָס איר איז בייגעשטאַנען אַז זי זאָל געהאָלפן ווערן, איז געווען דער חסד וואָס זי האָט געטוהן מיט לאה, ווען זי האָט איר איבערגעגעבן די סימנים כדי זי זאָל נישט פאַרשעמט ווערן (בשם הגאון רבי אלי' בער וואכטפויגל שליט"א).

**י"ב כסלו - הילולת הרה"ק בעל "בת עין" זי"ע**

**דעם** קומענדיגן שב"ק געפאַלט די יומא הילולא קדישא פון בעל 'בת עין' הרה"ק ר' אברהם דוב ב"ר דוד זצוקללה"ה.

**דער** "מאירי" זאָגט אין זיין ביאור אויף ספר משלי (כה, כז) אַז צו רעדן וועגן אַ צדיק און זיינע פּעולות אויף דער וועלט, זענען אַ כבוד פאַר איהם, און עס איז גוט צו רעדן וואָס מער וועגן די צדיקים. "וההארכה באופני מעלתם הוא כבוד להמרבה", און דאָס מאַריך זיין צו רעדן וועגן די מעלה פון די צדיקים, איז אַ כבוד פאַר דעם וואָס רעדט וועגן זיי, "כי ברוב דבריו בזה יחדל פשע", ווייל מיט רעדן אַ סאַך וועגן זיי, וועט ער נישט זינדיגן, "באחזו בנתיבותיהם והדבקו ביושר

---

קומט אויס אַז דער שטיין איז מרמז אויף דעם ענין פון אחדות, און אויף דעם שטיין, זאָגט דער פסוק: "יהיה בית אלקים". דאָס איז אַ רמז, אַז אין זכות פון אחדות וועלן מיר זוכה זיין צום "בית אלקים", בנין בית המקדש השלישי בב"א.

**יז.** מ'קען צוגעבן, ווייל רחל האָט דאָך געגעבן צו יעקב איר דינסט בלהה, זאָגנדיג "ואבנה גם אנכי ממנה" (ל, ג).

זאָגט דער "כלי יקר" (בראשית יז, טו) אַז לויט ווי עס שרייבן די חכמי הקבלה, איז דער אות ה"א מסוגל צו האָבן קינדער, ווי דער פסוק זאָגט (להלן מז, כג) "הא לכם זרע". וועגן דעם האָט דער נאָמען בלהה צוויי אותיות ה"א, ווייל דער נאָמען רחל האָט דאָך נישט דעם אות ה"א, אַזוי אַז עס האָט געפעלט פאַר רחל די סגולה צו געבוירן קינדער, און וויבאַלד בלהה האָט געהאַט צוויי ההי"ן אין איר נאָמען, איז איין אות ה"א בייגעשטאַנען פאַר איר (בלהה) צו האָבן קינדער, און דער צווייטער אות ה"א - פאַר רחל.

אין אָנהייב, איז בלהה נישט געווען רחל'ס דינסט, נאָר זלפה. בלהה איז לכתחילה געווען די דינסט פון לאה, נאָר ווען לבן האָט געפירט לאה'ן אנשטאט רחל אונטער די חופה מיט יעקב, האָט ער אַלס אַ טייל פון זיין פּאַפּעריי, געגעבן זלפה אַלס אַ דינסט צו לאה, כדי צו צעטומלען יעקב (וועז ער וועט זעהן זלפה, רחל'ס דינסט, ווי זי באַגלייט די 'כלה'...), און ממילא האָט לבן אַריבערגעפירט בלהה אין רשות פון רחל, צו ווערן איר דינסט, ווי רש"י זאָגט (פרשתינו ל, י). קומט דאָך אויס, אַז אויב רחל וואָלט נישט מוותר געווען פאַר איר שוועסטער לאה, און זי וואָלט זי נישט איבערגעגעבן די סימנים, וואָלט לבן'ס אָפּנאַרעריי נישט געלונגען, און זלפה וואָלט צוריקגעקומען צו רחל, און דאַן וואָלט בלהה נישט געקענט אַוועקשענקען איין ה"א פון איר נאָמען פאַר רחל...

פעולותיהם", וועט ער וועט זיך אָנכאַפּן אין זייערע וועגן און אָנקלעבן זיך אין זייערע גלייכע פעולות.

**דאָס** איז נאָך מער געזאָגט געוואָרן אין טאָג פון די יאָרצייט פון אַ צדיק, ווייל אויך אין די עולמות העליונים, באַשעפטיגט מען זיך נאָר מיט זיינע דברי תורה, און מיט די מעשים טובים וואָס דער צדיק האָט געטוהן בחיים חיותו אויף דער וועלט.

**אַזוי** שרייבט דער רמ"ע מפאנו זי"ע, אין זיין ספר "כנפי יונה" (ח"ב סי' צב, מובא בס' "ישמח ישראל", ט"ז סיון), אַז אין לשון פון די חז"ל ווערט אַ חתונה גערופן "הילולא", און אויך אַ יאָרצייט ווערט אָנגערופן "הילולא", וואָס מיינט אַ חתונה. דאָס איז דערפאַר, ווייל פונקט ווי ביי אַ חופה איז מען פאַרנומען נאָר מיט די חתונה, און אויב איינער וועט דעמאָלטס צוקומען צום חתן אָדער צו די מחותנים, און ער וועט זיי פרעגן אַ קשיא, אַפילו אין די שווערסטע סוגיות פון ש"ס, וועט מען איהם ענטפערן מיט שיינע רייד: "דאָ איז נישט די פלאַץ און די צייט דערפאַר...", אַזוי איז אין טאָג פון די הסתלקות פון אַ צדיק, וואָס דעמאָלטס איז מען עוסק נאָר מיט די דברי תורה וואָס דער צדיק האָט געזאָגט בחיים חיותו[יח].

**מיט** דעם טייטשט ער די ווערטער פון די חז"ל (ברכות ו:) "אגרא דבי הילולא מילי", אין די יאָרצייט זאָגט מען נאָר "מילי" - די דברי תורה וואָס דער צדיק האָט געזאָגט בחייו.

**ממילא,** דאַרפן מיר אין דעם טאָג פון די הילולא פונעם הייליגן אָורוטשער, הרה"ק בעל "בת עין" זי"ע, זיך באַשעפטיגן מיט זיינע דברי תורה[יט], און פרובירן גיין אין זיינע הייליגע וועגן. און אויף אַזאַ אופן, וועלן מיר זיך אָנקלעבן אינעם צדיק, און זיך פאַרבינדן מיט זיין הייליגע נשמה[כ], און אַזוי וועלן מיר זוכה זיין, "תורתו מגן לנו[כא], ימליץ טוב בעדינו" אמן.

---

**יח.** עס איז באקאנט וואָס דער "בת עין" זאָגט (פרשת בלק) "ויגל ה' את עיני בלעם" (במדבר כב, לא), אַז דער רשע בלעם האָט זוכה געווען צו זעהן אַ מלאך, נאָך דעם ווי ער האָט געליטן בזיונות פון דעם אייזל, וואָס האָט איהם געזאָגט "הלא אנכי אתונך אשר רכבת עלי", וואָס די חז"ל זאָגן (סנהדרין קה:) אַז מיט דעם האָט דאָס אייזל איהם גע'מוסר'ט איבער זיינע שלעכטע מעשים. און נאָך אַזאַ בזיון, קען אַפילו איינער ווי בלעם הרשע, אויך זעהן אַ מלאך!

מיט דעם טייטשט דער "בת עין" דאָס וואָס דער אויבערשטער האָט צוגעפירט אַז בלק זאָל שיקן נאָך חשוב'ערע שרים צו ברענגען בלעם צו שעלטן די אידן. פאַרוואָס האָט דער אויבערשטער צוגעפירט אַזוי, אַז בלק זאָל שיקן חשוב'ערע שליחים?

זאָגט דער "בת עין", אַז דאָס איז געווען כדי בלעם זאָל ליידן אַ גרעסערן בזיון ווען דאָס אייזל וועט איהם מוסר'ן פאַר די אויגן און אויערן פון די שרי מואב, און וואָס גרעסער די שרים זענען געווען, אַלץ גרעסער איז געווען בלעם'ס בזיון, און נאָר אַזוי האָט אַזאַ "פי חזיר" (ווי דער "אור החיים" הקדוש רופט איהם אָן, עיי"ש בפ' בלק) געקענט זיין ראוי צו בענטשן אידישע קינדער.

זעהט מען פון דעם, אַז ווען מ'ווערט פאַרשעמט איז מען אַ "כלי מוכשר" זיך צו בענטשען, און צו בענטשן אַנדערע אידן. מ'דאַרף נאָר האַלטן "קאָפּ" און אַלעס אָננעמען באהבה.

**יט.** עס שטייט אין ספה"ק "בית אברהם" (פ' נח, עמוד יב, ד"ה "ענין"), אַז אפילו איינער וואָס האָט נישט געקענט דעם צדיק ווען ער האט געלעבט אויף דער וועלט, און האָט נישט געהערט פון איהם דברי תורה, פונדעסטוועגן, די מענטשן וואָס גייען אין זיינע פיסטריט און קומען זיך צוזאַמען (אין טאָג פון זיין יאָרצייט), און זיי דערציילן הייליגע סיפּורים, און זיי חזר'ן זיינע הייליגע ווערטער וואָס ער האָט געלערנט ווי אַזוי צו דינען דעם אויבערשטען ברוך הוא, דורך דעם האָבן זיי אַ קשר און אַ שייכות מיט'ן צדיק, עכ"ל.

**כ.** אַ פלימעניק פונעם הייליגן "בת עין" זי"ע ברענגט (אין די הקדמה צום ספר "בת עין"), אַז ווען דער הייליגער "בת עין" זי"ע האָט זיך געזעגנט מיט די שטאָט-לייט פון אָוורוטש, איידער ער איז אַרויפגעגאַנגען אויף די שיף צו פאָרן קיין ארץ ישראל, און די אידן האָבן איהם געבעטן אַז זיי ווילן פאַרבלייבן דבוק אין איהם, האָט דער "בת עין" זיי געזאָגט:

- דער פסוק זאָגט (דברים י, כ) "ובו תדבק". און די גמרא פרעגט (שבת קלג: עיי"ש) אויפ'ן פסוק (שמות טו, ג) "זה אלי ואנוהו", "וכי אפשר להדמות לו?" - קען מען זיך דען מדבק זיין און צוגלייכן צו די הייליגע שכינה? ענטפערט די

גמרא, "אלא, הדבק במדותיו", דו זאָלסט זיך אָנקלעבן אין זיינע מדות. "מה הוא רחום, אף אתה רחום, מה הוא חנון, אף אתה חנון", פונקט ווי דער אויבערשטער איז אַ בעל רחמנות, אַזוי זאָלסטו אויך האָבן רחמנות אויף אַנדערע. פון דעם זעהט מען, אַז ווען מ'איז זיך מדבק אין איינעמ'ס מדות, איז מען דבוק אין איהם זעלבסט.

- דעריבער - האָט דער "בת עין" אויסגעפיהט - זאָלט איר אויך זעהן זיך מדבק צו זיין אין מיינע מדות וואָס איך בין געוועזן געוואוינט מיט זיי פון מיין יוגנט ביז היינט, און מיט דעם וועט איר פאַררעכנט ווערן ווי איר זענט דבוק אין מיר.

ער האָט אויסגעפירט:

- די מדות מיט וועלכע איך בין געווען געוואוינט פון מיין יוגענט, זענען: נישט רעדן לשון הרע, שקר, און נישט זיך גרויס האַלטן...

עס איז ידוע אַז ווען מ'וויל אַריינגיין צום "ציון" פונעם "בת עין" זי"ע אין צפת, דאַרף מען זיך אַראָפּבייגן (ווייל די אַריינגאַנג צו די מערה איז זייער נידעריג). האָט געזאָגט אויף דעם איינע פון די צדיקים לבית רוזין, אַז דאָס איז מרמז אויף דעם וואָס דער גאַנצער ספר "בת עין" רעדט וועגן זיך "אַראָפּבייגן", אַז דער מענטש דאַרף זיך האַלטן קליין, און אַזוי ווערט ער געהאָלפן, און מ'ווערט דאָך טאַקע געהאָלפן ביים ציון פונעם "בת עין".

עס איז זיכער, אַז אויב מען בייגט זיך אַראָפּ, מ'האלט זיך קליין, איז מען זוכה צו ניסים. ווי דער "בת עין" זאָגט אַ טעם פאַרוואָס מען צינדט חנוכה ליכט למטה מעשרה, ווייל מ'מאַכט דאָך די ברכה "שעשה נסים", און אַז מ'וויל עס זאָל געשעהן אַ נס, דאַרף מען זיך "אַראָפּבייגן".

**כא.** הג"ר ישעיה טישלער שליט"א פון בני ברק, דערציילט, אַז אין יאָר תשע"ז האָט ער אַמאָל פרייטאָג צו נאַכטס באַגעגנט אַ יונגערמאַן פון "קרית ספר", אַריינקומענדיג אין אַ חסיד'יש בית המדרש אין בני ברק. דער יונגערמאַן, איז געקומען אויף שבת צו זיין שווער וועלכער וואוינט אין בני ברק. נאָכ'ן איהם זאָגן "גוט שבת", האָט דער יונגערמאַן געפרעגט רבי ישעיה'ן אויב עס געפינט זיך דאָ אין שול דער ספר "בת עין". האָט רבי ישעיה איהם געענטפערט, אַז דאָ אין שול איז נישט דאָ דער ספר "בת עין", אָבער ער האָט דעם ספר ביי זיך אינדערהיים. "אויב דו ווילסט, קום מיט מיר, און איך וועל דיר באָרגן דאָס ספר", האָט רבי ישעיה געזאָגט צו דעם יונגערמאַן.

איז דער יונגערמאַן געגאַנגען מיט רבי ישעיה'ן, צו באָרגן פון איהם דאָס ספר. גייענדיג אויפ'ן וועג, פרעגט רבי ישעיה דעם יונגערמאַן, אויב ער וויל דווקא דאָס ספר, אָדער ס'איז גוט אויך אַן אַנדער חסיד'יש ספר...

האָט דער יונגערמאַן איהם געענטפערט, אַז געגנוי אַ יאָר פריער, איז געוואָרן 12 יאָר פון זיין חתונה און זיי זענען נאָך נישט געהאָלפן געוואָרן מיט קינדער. זענען זיי געפאָרן קיין צפת, מתפלל צו זיין ביים הייליגן "בת עין" זי"ע (ס'איז נישט געווען אין טאָג פון זיין יאָרצייט). וויבאַלד ער איז אַ כהן, האָט ער נישט געקענט גיין אויפ'ן בית החיים צום הייליגן "ציון", נאָר ער איז אַריינגעגאַנגען אין דער שוהל פונעם "בת עין" אין צפת. דאָרט האָבן ער און זיין בני בית "געשפּאָלטן הימלען" מיט זייערע געבעטן און געוויינען געהאָלפן צו ווערן מיט קינדער, און ער האָט דאָרט מקבל געווען אויף זיך, אַז ווען עס וועט ביי איהם געבוירן ווערן אַ זון, וועט ער יעדן שבת ביי די סעודה לערנען דעם ספר "בת עין" אין לויף פון ערשטן יאָר פונעם קינד'ס געבורט... דערציילט דער יונגערמאַן ווייטער, אַז זיי זענען טאַקע באַלד געהאָלפן געוואָרן מיט קינדער, און ער האָט באַלד געקויפט דעם ספה"ק "בת עין", כדי ער זאָל קענען לערנען דערין יעדן שבת. ער איז ב"ה מקיים זיין קבלה טובה, נאָר דאָ, אין בני ברק, אין הויז פון זיין שווער, האָט ער נישט געפונען דעם ספר, וועגן דעם האָט ער עס געזוכט אין שול...

איינער פון אונזער חבורה האָט געהערט פון אונז די דאָזיגע עובדא (אין טאָג פון די הייליגע הילולא, אין יאָר תשע"ח), און וויבאַלד ער האָט זיך געגוויטיגט אין אַ שידוך פאַר זיין טאָכטער וועלכע איז שוין נישט יונג געווען, האָט ער תיכף ומיד גענומען אויף זיך צו לערנען יעדן שבת אין ספה"ק "בת עין", און ביז אַ קורצע צייט האָט מען געטראָפן פאַר איר אַ גוטן שידוך. צוויי חדשים שפּעטער איז שוין געפּראַוועט געוואָרן די חתונה, און ביז אַ יאָר פון זיין קבלה, האָבן זיי בעזרת השי"ת שוין געפּראַוועט אַ ברית פאַר זייער בכור!

אגב, רעדנדיג וועגן אַ "קבלה טובה", איז כדאי צוצוגעבן דאָ, וואָס מיר האָבן געהערט, אַז דער גאון רבי אברהם גניחובסקי זצ"ל, ראש ישיבה פון דער טשעבינער ישיבה "כוכב מיעקב" אין ירושלים, האָט אַמאָל זיך גענויטיגט אין אַ גרויסן סכום געלט, און ער האָט געבעטן זיינס אַ באַקאַנטן, וועלכער האָט זיך געגרייט צו פּראַוונען אַ ברית, אַז ער זאָל איהם מכבד זיין מיט "סנדקאות", ווייל עס איז ידוע אַז סנדקאות ברענגט עשירות (רמ"א יו"ד סי' רסה,

סי"א). דער יונגערמאַן האָט אַזוי געטוהן, און אין די זעלבע וואָך, האָט רבי אברהם באַקומען פון איינעם צען טויזנט דאָלאַר, וואָס איז געווען אַ גאר גרויסער סכום אין יענע צייטן.

ווען מענטשן האָבן געהערט אַז רבי אברהם גניחובסקי נעמט אָן דעם כיבוד פון סנדקאות ביי בריתן, און מענטשן האָבן אָנגעהויבן מכבד זיין רבי אברהם מיט סנדקאות, וואָס ער האָט נישט געקענט אָפּזאָגן. פון דער אַנדערער זייט, האָט ער אָבער געשפירט מיט זיין גרויסע עניוות, אַז ער איז נישט ראוי צום דעם כיבוד. דעריבער האָט ער גענומען אויף זיך, פון דאַן און ווייטער, נישט צו לייענען קיין שום צייטונגען. שפּעטער האָט ער געזאָגט, אַז דאָס צווייטע "רייכטום" וואָס ער האָט באַקומען, איז גרעסער ווי דאָס ערשטע... ער האָט געמיינט צו זאָגן, אַז די גוטע קבלה וואָס ער האָט גענומען אויף זיך (מער נישט צו לייענען צייטונגען) איז פיל מער ווי די ערשטע סגולה וואָס האָט איהם אַריינגעברענגט צען טויזנט דאָלאַר...

אוודאי איז דאָס אַ גרויסע מדריגה, העכער פון אונזערע השגות, אָבער אף על פי כן, קענען מיר כאָטש אַראָפּלערנען פון דעם די ווערד פון יעדן תוספות גדר, יעדער איינער לויט זיין מדרגה...

אַ מורא'דיגע מעשה האָבן מיר געהערט פונעם "בעל העובדא", וועלכער וואוינט היינט אין קרית טאָהש, קאַנאַדע. ווי אַלע ווייסן, איז האַי יאָר, מוצאי ראש השנה תשפ"א, ליידער פּאַרגעקומען אַ שרעקליכער קאַר עקסידענט רח"ל אין דער אומגעגנט פון מאָנסי, וואו עס זענען נעבעך אומגעקומען צוויי טייערע יונגעלייט, תנצב"ה. איינער פון די צוויי יונגעלייט, איז זיבעצן יאָר צוריק - ווען ער איז געווען אַ יונג קינד - געוואָרן נישט געזונט מיט די ביטערע מחלה רח"ל, און איז אַדורכגעגאַנגען שווערע באַהאַנדלונגען ("טריטמענטס" רח"ל) ביז ער איז בסייעתא דשמיא געזונט געוואָרן.

דערציילט דער בעל העובדא, אַז יענעם יאָר איז ער געווען 15 יאָר אַלט, און ער האָט געלערנט בחברותא מיט'ן טאַטן פון דעם קינד, אין דער ישיבה "שער אפרים" אין מאָנסי. דעם קינד'ס קראַנקהייט האָט איהם שטאַרק באַרירט, און אַלס אַ גוטע קבלה פאַר'ן קינד'ס זכות, האָט ער זיך אונטערגענומען אַראָפּצונעמען די ברילן פון זיינע אויגן יעדעס מאָל ווען ער גייט אין מקוה, אַלס אַ "גדר" און סייג פאַר שמירת העינים.

דערציילט דער יונגערמאַן, אַז ער האָט אָנגעהאַלטן דעם גדר פון תוספת קדושה ביז ענדע חודש אלול תש"פ העעל"ט, ווען ער האָט זיך מיישב געווען, ווי לאַנג וועל איך אָנהאַלטן די קבלה, די מקוה איז דאָך ממילא ליידיג פון מענטשן, יעדעס מאָל ווען איך גיי זיך טובל'ען אין מקוה... אַלזאָ, ראש השנה אינדערפרי, גייענדיג אין מקוה זיך טובל'ען, האָט ער נישט אַראָפּגענומען זיינע אויגן-גלעזער, און מוצאי ראש השנה האָט ליידער פּאַסירט דער שרעקליכער אומגליק מיט'ן עקסידענט, וואו עס איז נפטר געוואָרן דער יונגערמאַן פאַר וועמענס רפואה ער האָט דאַן גענומען די גוטע "קבלה"... אַזוי לאַנג ווי ער האָט אָנגעהאַלטן די גוטע קבלה, האָט דער זכות מגין געווען אויף דעם קינד'ס לעבן אויף דער וועלט...!

עס איז ידוע אז דער הייליגער "בת עין" פלעגט נישט אַרויסגיין פון זיין הויז, און אַוודאי נישט אויף קיין לוויות. אַמאָל האָט ער געמאַכט אַן אויסנאַם, און איז נאָכגעגאַנגען אַ נפטר ביז נאָך סתימת הגולל, כאָטש יענער איז געווען אַ פשוט'ער איד. ביי די לוי', איז דער "בת עין" געווען שטאַרק פאַרטראַכט אין זיינע הייליגע מחשבות.

אינמיטן די טהרה, האָט די חברה קדישא געשיקט פרעגן די אלמנה, פאַרוואָס זענען די אויבערשטע טיילן פון איר מאַן'ס פיס, שוואַרץ? האָט זי געענטפערט, אַז "דאָס איז אַן אַלטע מעשה", און זי האָט דערציילט, אַז נאָך די חתונה פלעגט ער אַרומפאָרן פעדלען ווי אַ רוכל, פאַרקויפענדיג מיני סדקית. אַמאָל איז ער געווען אין אַן אַראַביש דאָרף, וואו די טאָכטער פונעם שעיך, אַ מטרוניתא, האָט געוואָלט חתונה האָבן מיט איהם... בלית ברירה ווייל דער שעיך האָט געמוטשעט דעם איד ער זאָל חתונה האָבן מיט איר, האָט מען קובע געווען די חתונה אויף יענע נאַכט.

אַריינקומענדיג אין זאַל, האָט דער איד באַמערקט אַ גרויסן פאַס פון קוילן אינמיטן זאַל, און אַזוי ווי דער "חתן" האָט דאָ געזעהן אַז דער גיהנום איז פאַר איהם אָפען פון אַלע זייטן רח"ל, איז ער אַריינגעשפּרונגען אין דעם קאָכעדיגן פאַס פון קוילן, און זיינע פיס זענען אָפּגעברענט געוואָרן...

ווען די אָנוועזנדע אַראַבער האָבן געזעהן וואָס פאַרא "משוגע'נער" ער איז, האָבן זיי איהם פאַרטריבן פון דאָרט...

שפּעטער האָט דער "בת עין" געזאָגט, אַז ער איז אַרויסגעגאַנגען צו די לוי' פון יענעם איד, צוליב דעם וואָס ער האָט געזעהן אַן "עמודא דנורא" (אַ זויל פון פייער וואָס קומט אַראָפּ נאָר ווען מען באַגלייט אַרויף דעם גדול הדור) העכער די מטה!

די חז"ל זאָגן (חולין ז:) "גדולים צדיקים במיתתן יותר מבחייהן"[כב]. די צדיקים זענען גרעסער נאָך זייער הסתלקות, ווי ביים לעבן. דאָס איז ספּעציעל גילטיג אין טאָג פון די יאָרצייט[כג], ווען עס שוועבט אַרום דער הייליגער גייסט פונעם צדיק און שפּרייט אויס זיינע פליגל אויף די וואָס זענען מתפלל פאַר אַ ישועה[כד].

---

**כב.** עס שטייט אין ספה"ק "תפארת שלמה" (פ' חוקת, ד"ה "יאסף") אויפ'ן פסוק (בראשית כה, ח) "ויאסף אל עמיו" - אברהם אבינו איז אריינגעברענגט געווארן צו זיין פאלק (ד.מ. זיין נשמה איז צריק געקערט געווארן צווישן די נשמות פון צדיקים אין עולם העליון). לכאורה דארף מען פארשטיין, אברהם אבינו ע"ה איז דאָך געווען דער ערשטער פון די הייליגע אבות, און פון איהם קומט אַרויס דאָס גאַנצע אידישע פאָלק. אויב אַזוי, פאַרוואָס זאָגט דער פסוק "ויאסף אל עמיו", כאילו אברהם איז "נאסף" געוואָרן צו די אידן? "מי נתלה במי", אידישע קינדער הענגען זיך אָן אין אברהם אבינו, און נישט פאַרקערט?

ענטפערט דער "תפארת שלמה", אַז די הייליגע נשמות פון די צדיקים, אויך נאָך דעם ווי זיי ווערן נסתלק פון דער וועלט, איז דאָס נאָר פאַר'ן מענטשליכן אויג, אָבער באמת טוהען זיי שטענדיג רוען צווישן אידישע קינדער און האָבן זייער השגחה אויף זיי. דעריבער זאָגט דער פסוק "ויאסף אל עמיו", אַז אברהם געפינט זיך צווישן אידישע קינדער אויך נאָך זיין הסתלקות, און דאָס זעלבע איז ביי אַלע צדיקים, און מיט דעם טייטשט דער "תפארת שלמה" אויך דעם פסוק ביי אהרן הכהן "יאסף אהרן אל עמיו", עיי"ש.

ער געבט-צו בדרך רמז צו טייטשן די משנה (פסחים פ"ה, מ"ח) "כמעשהו בחול כך מעשהו בשבת". "שבת" איז מרמז אויף עולם הבא (ווייל שבת איז דאָך "מעין עולם הבא"), און "חול" איז אַנטקעגן עולם הזה. אויף דעם זאָגט די משנה, "כמעשהו בחול" - פונקט ווי דער צדיק האָט משפיע געווען אויף אידישע קינדער אַלע גוטע השפעות ביי זיין לעבן אויף דער וועלט. "כך מעשהו בשבת" - אַזוי טוט דער צדיק אויך ווען ער געפינט זיך שוין אין עולם העליון, וואָס ווערט אָנגערופן "שבת". "שהם מתפללים בעד בני ישראל שהם בעולם הזה", אַז זיי (די צדיקים) זענען מתפלל פאַר אידישע קינדער וואָס זיי געפינען זיך אויף דער וועלט.

מיט דעם, טייטשט דער "תפארת שלמה" אויך וואָס מיר זאָגן (אין די ברכה פון "מחיה המתים"), "מלך ממית ומחיה ומצמיח ישועה". דער אויבערשטער איז דער קעניג וואָס ער איז נעמט אַוועק די צדיקים פון דער וועלט, אָבער "ומחיה" - ער מאַכט זיי צוריק "לעבעדיג" נאָך זייער הסתלקות, דורך "ומצמיח ישועה" - כדי זיי זאָלן קענען ווייטער מאַכן שפּראָצן ישועות פאַר אידישע קינדער.

**כג.** מיר דאַרפן גלייבן באמונה שלימה, אַז יעדעס יאָר ווערט דער צדיק דערהויבן אין הימל העכער און העכער, און ער האָט אַ גרעסערן כח פון יאָר צו יאָר, משפיע צו זיין השפעות טובות נאָך מער ווי אין די פריערדיגע יאָרן. קומט אויס, אַז די ישועות וואָס ווערן נתעורר י"ב כסלו הבעל"ט, זענען גרעסער ווי די ישועות וואָס זענען נתעורר געוואָרן פאַר אַ יאָר צוריק, שנת תש"פ.

דער אַלטער סקולענער רבי, הרה"ק בעל "נועם אליעזר" זי"ע, האָט נאָכגעזאָגט אין נאָמען פון הייליגן רוזינער זי"ע, אויף דעם וואָס די גמרא זאָגט (ברכות לד:) אַז ווען אַ איד דאַוונט, דאַרף ער זיך בוקן ביי "אבות" און ביי "מודים", "תחילה וסוף" - ביים אין אָנהייב און ביים סוף פון די ברכות, אָבער דער כהן גדול בוקט זיך ביים סוף פון יעדע ברכה (אין שמונה עשרה). זאָגט רש"י, "כל מה שהוא גדול ביותר, צריך להכניע את עצמו", וואָס גרעסער דער מענטש איז, דאַרף ער זיך מער מכניע זיין (און וועגן דעם, דאַרף דער כהן גדול זיך בוקן ביים סוף פון יעדע ברכה, ווייל ווען דער מענטש בוקט זיך, "בייגט" ער זיך אַראָפּ...) [דאָרט אין די גמרא שטייט טאַקע, אַז דער קעניג דאַרף זיך בוקן נאָך מער ווי דער כהן גדול]. האָט דער רוזינער געזאָגט, אַז וויבאַלד דער צדיק גייט יעדעס יאָר אין טאָג פון זיין יאָרצייט, העכער און העכער אין די עולמות העליונים, ווערט ער דאָך "גרעסער" אין זיין מדרגה, ממילא דאַרף ער זיך "אַראָפּבייגן" נאָך מער ווי אַ יאָר פריער, און משפיע זיין ישועות אויף אידישע קינדער דאָ, אויף דער אונטערשטער וועלט...

**כד.** דער הייליגער בעל ההילולא, הרה"ק בעל "בת עין" זי"ע, האָט טאַקע גע'פועל'ט אַ הצלה פאַר אַ סאַך אידן אין טאָג פון זיין הסתלקות. דאָס האָט פּאַסירט אין יאָר תר"א, ווען עס האָט אָנהייב יענעם יאָר אויסגעבראָכן אין צפת אַ שוידערליכע און בושעווענדע מגיפה רח"ל, און יעדער וואָס איז נאָר געקומען אין באַרירונג מיט עמיצן וואָס האָט געליטן פון די מחלה איז אויך געוואָרן אָנגעשטעקט. דאַן זענען אומגעקומען אַ סאַך אידן רח"ל, און

**אזוי** זאגט דער "ישמח ישראל" זי"ע (מאורן של ישראל", י"ד שבט, אות ב') א טעם פארוואס דער טאג פונעם צדיק'ס יארצייט ווערט גערופן "הילולא", ווייל יענער טאג איז פאר'ן צדיק אזוי ווי א חתונה, וואס ווערט אויך גערופן "הילולא", און פונקט אזוי ווי ביי א חתונה לייענט מען די כתובה כדי צו לאזן וויסן דעם חתן זיינע התחייבות'ן פאר די כלה, אזוי אויך אין טאג פונעם צדיק'ס יארצייט, דערמאנט מען איהם זיין התחייבות כלפי די אידן וואס האבן געהאט מיט איהם א שייכות בחיים חיותו[כה]. אין דעם כלל איז אויך, אז מען דערמאנט איהם זיין התחייבות, אז ער דארף באצאלן די "חובות"[כו]...

**דער** באשעפער זאל העלפן, דער זכות פונעם בעל ההילולא דער "בת עין" זי"ע זאל אונז שיצן, מיר זאלן במהרה נפקד ווערן בדבר ישועה ורחמים משמי שמי קדם, מיט ישועות ברוחניות ובגשמיות, א גרויסע שפע מיט אלעם גוטן, ולישועה שלימה, ולגאולה קרובה, ונאמר אמן.

---

אויך דער "בת עין" איז נסתלק געווארן פון דער מחלה. פאר זיין הסתלקות האט ער צוגעזאגט פאר די שטאט-לייט פון צפת, אז ער איז דער לעצטער קרבן פון די מגיפה, און אז נאך איהם וועט קיינער נישט קראנק ווערן אין שטאט, און אזוי איז טאקע געווען. נאך די הסתלקות פון הייליגן "בת עין" זי"ע לחיי עולם הבא, האט מען מער נישט געהערט אין שטאט וועגן די מגיפה.

**כה.** דער קאטאמאנער רב, הגה"צ רבי יהושע דייטש זצ"ל, שרייבט אין זיין ספר "בית הלחמי" (פ' פקודי), אז אלס בחור, אין יאר תרפ"ז, איז ער געווען יום טוב סוכות אין מונקאטש, און איז געגאנגען מיט'ן מונקאטשער רב, הרה"ק בעל "מנחת אלעזר" זי"ע, צום ציון פון זיין פאטער, הרה"ק בעל "דרכי תשובה" זי"ע, אין טאג פון די יארצייט, דער צווייטער טאג יום טוב. ווי ס'איז געווען זיין מנהג יעדעס יאר אין די הילולא, האט דער "מנחת אלעזר" געזינגען נעבן דעם ציון, דעם פיוט "בר יוחאי" (אויפ'ן סמך פון דעם וואס זיין טאטע האט מחבר געווען די דריי בענדער "באר לחי רואי" אויפ'ן תיקוני זוהר).

דערנאך האט דער "מנחת אלעזר" געטייטשט וואס מיר זאגן אין אויבן-דערמאנטן זמר: "אשרי העם הם לומדיך". דארף מען פארשטיין וואס ער זאגט "לומדיך" (כאילו מיר "לערנען" עפעס מיט רבי שמעון בר יוחאי...), ער וואלט ענדערש געדארפט זאגן "לומדי תורתך", וואס לערנען דיין תורה, אדער "חיבורך", דיין חיבור. האט דער מונקאטשער רב זי"ע געענטפערט, אז די כוונה פון דעםווארט "לומדיך" איז, ווען מ'גייט צום ציון פון א צדיק צו בעטן פון איהם אז ער זאל מתפלל זיין בטל צו מאכן א גזירה רח"ל, ווייל עס פאסירט אמאל אז פון הימל באהאלט מען פון די צדיקים די גזירות, כדי זיי זאלן עס נישט קענען בטל מאכן, און מיר ווייסן אז "הקדוש ברוך הוא גוזר וצדיק מבטלה" (מו"ק טז:) אבער אויב דער צדיק ווייסט נישט פון די גזירה, קען ער דאך עס נישט בטל מאכן. צוליב דעם זאגט מען "הם לומדיך", זיי לערנען מיט'ן צדיק וואס עס קומט פאר אויף דער וועלט, כדי דער צדיק זאל מתפלל זיין בטל צו מאכן די גזירות (דאן האט דער "מנחת אלעזר" אויסגערעכנט ביים טאטן'ס ציון, די צרות וואס אידישע קינדער גייען ליידער אדורך).

**כו.** ביי א חתונה, גיט מען "דרשה געשאנק" פאר'ן נייעם פארפאלק. דאס זעלבע אין טאג פונעם צדיק'ס יארצייט, שענקט דער אויבערשטער "דרשה געשאנק" פאר'ן "חתן" - דעם צדיק - אז ער זאל קענען משפיע זיין גוטס פאר אידן וואס געפינען זיך אויף דער וועלט. מיר ווייסן אבער, אז "הקרוב, קרוב קודם", וואס נענטער מ'איז, איז מען ערשט צו באקומען. ממילא, אויב מ'וויל זיך באהעפטן צום צדיק, כדי מ'זאל קענען מקבל זיין השפעות טובות אין זיין זכות, דארף מען פראווען א סעודה, אדער טרינקען "לחיים", אדער גיין צום ציון מתפלל זיין, און דער עיקר, צו לערנען פון די הייליגע ספרים פונעם צדיק, ווי אזוי צו דינען דעם באשעפער.